Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען. — היינט 10 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

№ 131 | Łódź, Niedziela, 8 czerwca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, יב׳ סיון תר״צ | № 131

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריסאווער 21, טעל. 224-71

Les Tissus A·G·B

ulica PIOTRKOWSKA Nr. 80

uprzejmie zawiadamia Sz. Klijentelę, że we wtorek, dnia 10 czerwca r. b., rozpoczyna

WYPRZEDAŻ POSEZONOWĄ

TOWARÓW WYSORTOWANYCH

Jedwabnych, Wełnianych, Bawełnianych oraz Resztek

UWAGA! Sprzedaż normalna odbywa się niezależnie od wyprzedaży.

נאך קורצע שווערע לײדען איז פרייטאג-צו-נאכטס געשטארבען אונזער ליבער און אונפערגעסליכער זוהן און ברודער

נ. ע. אהרן לייב בן ר׳ הערש וואלף נ״י פאמעראנץ

(איז בליהענדען עלטער פון 22 יאהר).

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 8-טען יוני 1930, 12 אזייגער בייטאג פון טרויער-הויז, אגראדאווא 3, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע עלטערן און געשוויסטער.

קופאן 5

צווייטע סעריע

גרויסען פון פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט“

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 2. סעריע פון פרעמיען-קאנקורס, איז בענייג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען

שנייד אויס דעם קופאן!

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דאס ג׳ פובליקום, אז דינסטאג דעם 10 יוני ד. י. קומט פאר די ערעפנונג פון ניי-רעמאנטירטען

רעסטאראן אויף וואכאדניא 34

און ס׳וועט צוגעגרייטעט ווערען די געשמאקהאפטסטע און כשר׳ע

מיטאגען פון 1.50 זל. אן

סאלידע בעדינונג. קומט און איבערציגט אייך.

מיט אכטונג ה. ראטשטיין

רעסטאראן-בעזיצער וואכאדניא 34.

Dr. Donchin

ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

מאניושקי 1, טעל. 209-97

נעמט אן פון 9—1 מיטאג און פון 4—7 אוונט.

לאדזער שאפקע

איז גארטען פון גראנד-האטעל

נאך די רעגען-טעג קומט שוין מיט מול דער זומער. צוליב דעם האט זיך די לאדזער שאפקע איבערטראגען אין גארטען פון גראנד-האטעל.

טעגליך 9,30 אוונט 1 פארשטעלונג פון דעם פרעהליכען לוסט-שפיל. בילעטען צו 2 זל. צו בעקומען

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דער יודישער בעפעלקערונג, אז דעם 18-טען מאי 1930 איז פארגעקומען די פייערונג פון גרונדשטיין-לייגען פון דער באלוטער שוהל זגערזשער 27.

צוליב דעם גרויסען געדראנג האבען הונדערטער יודען נישט געקענט אנטייל נעהמען אין דער גרויסער מצוה, דעריבער האט דער קאמיטעט בעשלאסען היינט, זונטאג, דעם 8-טען יוני ד. י. פון 12 אזייגער בייטאג צו פייערן דעם גרונדשטיין-לייגען פון דער צווייטער וואנד.

אלע יודען ווערען געבעטען צו קומען אנטייל צו נעהמען אין דער גרויסער מצוה.

פאר׳ן קאמיטעט

דוד שמולעוויטש.

7293

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז פרייטאג דעם 6-טען יוני ד. י. געשטארבען אין עלטער פון 62 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגער-פאטער, גראספאטער, שוואגער ברודער און אנקעל

נ״ע הערש פישל ערליך

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 8-טען יוני ד. י. 12 אזייגער בייטאג פון שפיטאל אויף דרעוונאווסקא גאס, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

איבעראשענדע נייעס!!!

איך מאך בעקאנט דאס געעהרטע לאדזער פובליקום, אז דינסטאג, דעם 10. טשערוויעץ ווערט ערעפענט

א נייער ערשטקלאס. יודישער שטרענג

כשר׳ער רעסטאראן

וואו עס וועט ווערען צוגעגרייטעט היימישע

געשמאקהאפטע מיטאגען

צו ביליגע פרייזען.

קומט מאסענווייז און איבערצייגט אייך, דען דער רעסטאראן געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען פאכמאן און אינהאבער הערמאן לעווינסקי.

געדענקט דעם אדרעס לאדז, וואסכארניא 39, פראנט, 2. שט.

וואסכארניא 39 — וואסכארניא 39

היינט זונטאג, דעם 8|6 א זייגער 4 נאכמיטאג וועט אין זכבים הויז, פאמארסקא 54 פארקומען

די יעהרליכע

אלגעמיינע פערזאמלונג

אין 2-טען טערמין, מען בעט אלע מיטגלידער פינקטליך צו קומען.

די פערוואלטונג

17274

נום טרויעריג-בעקאנטען לאדזער „העלד“ פון פאטשען ישראל רובין!

לויט אייער אויפפאדערונג אין „ל. טאגעבלאט“ זאל אייך קומען ביי מיר 24 ביכער — דאס איז אייער נייער ליגען: איהר האט ביי מיר נישט 24 נאר 21 ביכער, וועלכע זענען פון דער ערשטער מינוט אן ביי מיר אפצוגעהמען.

דאס אנבעלאנגט ווידער די געריכטס-קאסטען מיט וועלכע איהר דראהט מיר, קען איך אייך פערזיכערן, אז איהר וועט טאקי מיט׳ן געריכט האבען צו טון, ווייל איך האב אייך פאר אייער „נאבעלע האנדלונג“, וואס עס פאסט טאקי פאר אזא בעקאנטען שלעגער און אוואנטוריסט איבערגעגעבען אין געריכט.

ב. בערלינבסקי אלטשטאט 12.

איבערקעהרעניש אין רומעניע

פירשט קארל צוריקגעקומען קיין רומעניען און וויל איבערנעהמען די מאכט

בוקארעשט, 7 (ספ. טעל.) אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז דער גרויספירשט קארל איז געקומען קיין רומעניען. פירשט קארל האט אנגעקניפט א קאנטאקט מיט דעם פירשט ניקאלאי און מיט דעם פרעמיער מאניו.

מארגען וועט פארקומען א זיצונג פון מיניסטערראט, כדי אויפצוקלערען די לאגע, וואס האט זיך געשאפען מיט'ן צוריקקעהרען פון גרויס-פירשט קארל.

באלד דערויף וועט פארקומען א זיצונג פון רעגענטעןראט.

בערלין, 7 (ספ. טעל.) „יונייטעד פרעס" מעלדעט, אז דער געוועזענער קרוינפרינץ קארל איז צוריקגעקומען קיין בוקארעשט. פאר זיין צוריקקומען קיין רומעניען האט קארל זיך בעגעגענט אין וויען מיט זיין געוועזענער פרוי העלענא און זיי האבען זיך איבערגעבעטען.

דער פירשט קארל וועט זיך אין בוקארעשט בעגעגענען מיט דער קעניגין מאריא. קארל זאל בעשטימט ווערען אלס מיטגליד פון רעגענטענראט אויפ'ן ארט פון פירשט מיכאיל.

„דיילי-מייל" מעלדעט, אז נאך דער בעגעגעניש פון פירשט קארל מיט דער קעניגין מאריא, קען מען ערווארטען, אז דער פארלאמענט און די רעגירונג זאלען אפשאפען דאס געזעץ וועגען ארויסטרייבען דעם פירשט קארל פון רומעניען און איהם בעשטימען אלס מיטגליד פון רעגענטענראט.

בוקארעשט, 7 (אטאא) וועגען דעם צוריקקומען פון געוו. קרוינפרינץ קארל קיין רומעניען מעלדעט מען, אז קארל איז פון מינכען געקומען מיט אן אעראפלאן. אין קלויזענבורג האט קארל אנגעטון אן אוניפארם פון א גענעראל. באלד נאך זיין אנקומען קיין בוקארעשט האט ער זיך געזעהען מיט דעם פרעמיער מאניו און דעם אינערן-מיניסטער. דאן האט ער זיך געזעהען מיט זיין ברודער ניקאלאי.

די טעלעפאנישע פערבינדונג פון רומעניען מיט אויסלאנד איז אפגעשטעלט געווארען.

בוקארעשט, 7 (אטאא) דער גרויספירשט קארל איז געקומען קיין רומעניען מיט דער אויסדריקליכער צושטימונג פון דער רעגירונג.

בוקארעשט, 7 (אטאא) אויף דער היינטיגער זיצונג פון מיניסטעררעגן-ראט האט דער פרעמיער מאניו געשטעלט א פארשלאג, אז פרינץ קארל זאל בעשטימט ווערען אלס רעגענט. דער פארשלאג איז אפגעווארפען געווארען. דער רומענישער קאבינעט האט זיך אנגעגעבען אין דימיסיע, וועלכע איז אנגענומען געווארען. דעם נייעם קאבינעט בילדעט דער אויסערן-מיניסטער מינארעסקו.

געגען דער אימיגראציע-גזירה אין א"י

די יודישע פראטעסט - דעמאנסטראציע אין ניו-יארק

ניו-יארק, 7 (יט"א טעלעגראפיש).

די יודישע נאסעךדעמאנסטראציע, אלס פראטעסט געגען דער אימיגראציע-גזירה אין א"י האט געהאט פאלגענדען פערלויף:

בראש פון דער דעמאנסטראציע זענען געגאנגען די וועטעראנען פון דער וועלט-מלחמה. נאך זיי — הונדערטער רבנים, וועלכע האבען געזונגען קאפיטלעך תהלים, דאן — חלוצים און שול-קינדער, און הינטער זיי — די צעהנדליגער, טויזענטער קעמפיגע מחנה יודען. עס זענען געזונגען געווארען נאציאנאלע לידער.

דער קעניג פון די וועלט-חזנים, ר' גרשון סיראטא

אין זאל פילהארמאניע, נארוטאָוויטשא 20

דעם 13/6 און דעם 14/6, פ' בהעלותך, פרייטאג, 8.30 אוונט צו קבלת שבת און שבת פריה, 9 אזייגער — שחרית און מוסף, וועט דאווענען דער בעריהמטער אין אלע וועלט-טיילען, דער חזן איבער אלע חזנים

ר' גרשון סיראטא

פאר זיין אפפאהר נאך ארגענטינא אויף ימים נוראים.

גרשון סיראטא וועט אויספיהרען זיינע נייעסטע קאמפאזיציעס מיט'ן אנטייל פון דעם בעריהמטען לאדזער פראפעסיאנעלען גוט-איינשטודירטען כאר אונטער דער לייטונג פון דעם יונגען טאלאנטפולען מוזיקער ה' גערץ רובין.

פערזעהט אייך מיט בילעטען. ביליגע פרייזען! בילעטען-פערקויף: 1) אין זאל פילהארמאניע, נארוטאָוויטשא 20, ביי ה' י. זעלמאנאוויטש, עקע פיעטריק. און פאלודנ., 3) און ביי ה' דיאמאנט, נאוואמיעסקא 24 (ווארשט-געשעפט).

בעמערקונג: פאר פרויען בעזונדערע רעזערווירטע פלעצער.

17235

יודישע קהלה אין לאדז.

די פראטעסט-קאמיסיע

געגען דער קאלענדאר-רעפארם

ביי דער יודישער קהלה

לאדעט איין די פארשטעהער פון אלע געזעלשאפטליכע, פאליטישע, קולטורעלע און ווירטשאפטליך-פילאנטראפישע ארגאניזאציעס, אינסטיטוציעס און פעראיינען אויף דער

דרינגענדער בעראטונג

וואס קומט פאר היינט, זונטאג, פינקטליך 6 אוו. אין לאקאל פון דער קהלה.

קיין בעזונדערע איינלאדונגען ווערען נישט געשיקט.

7272

דאס ערשטע ארטאדאקסישע לעהר-אנשטאלט

„דרכי-נעם" פון ג. א. ליסס

אין לאדז, קילינסקי 50, טעלעפאן 26-215

מאכט דערמיט בעקאנט, אז די איינשרייבונגען פונדי תלמודים אויף נייעם שול-יאהר 1930/31 ווערען אנגענומען טעגליך אין דער קאנצעלאריע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7 נאכמיטאג.

בעמע קונג: גלייכצייטיג ווערט געמאלדען, אז פאר די בעקוועמליכקייט פון די קינדער, וועלכע וואוינען אויף דער צווייטער זייט פון דער טראמוויי-ליניע אויף דער פיעטרק. ווער גאס וועט געעפענט ווערען פון נייעם שול-יאהר 1930/31 ד. ה. פון 1 זורזשעשיען 1930, אין א ערש-קלאסיגע, קאמפארט איינגעארדענטען, גרויסען און ליכטיגען לאקאל, מיט אלערליי נויטיגע טעכנישע און היגיענישע איינריכטונגען מיט דעם זעלבען בעוואוסטען אין לאדז לעהר-פערסאנאל פון „דרכי-נעם", קילינסקי 50

א לעהר-אנשטאלט אויף אלעי 1 מאי 20

זשעראמסקא 16 פראנט 1 שטאק)

די לייטונג.

אלע איינשרייבונגען פון די תלמידים ווערן אנגענומען אין דער קאנצעלאריע אויף קילינסקי 50.

אויטאבוס-קאמוניקאציע

לאדז-ווארשא

לוקסוס-אויטאמאבילען מארקע „RENUALD", צו 35 פאטצלן.

אבפאהר פון לאדז, אגראדאָווא גאס 6 און 7 פריה

אבפאר פון ווארשא, טלאמאצקא נעבן דער סינאגאגע 6 אזייגער פארנאכט

פרייטאג געהען אב די אויטאבוסען פון ווארשא 2 א זייגער נאכמיטאג.

שבת קורסירען נישט די אויטאבוסען

רעליגיעז ציוניסטיש סאציאליסטישע פארטיי „דת-ועבודה" אין פוילען לאדזער ארגאניזאציע.

היינט, 8 אוו. קומט פאר אין זאל פון קליינער פילהארמאניע פיאטרקאָווסקא 3

אגרויסער מיטינג

א: דער וועג פון רעליגיעזן סאציאליזם,

עס וועלען רעפערירען די ח"ח פנחס וואסערמאן (ווארשא) פארזיצענדער פון די עקזעקוטיווע אין פוילען, שלמה האלבערשטאט (ווארשא) גענעראל-סעקרעטאר פון „דת-ועבודה" און פוילען, ד"ר יוסף טויבער, יואל דוד קרומקע און שמעון תפסבוים (ווארשא)

אריינטריטס-קארטען צו בעקומען פון 5 א זייגער אוונט ביים אריינגאנג פון זאל.

כעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע

מאגיסטער נ. שאז

פעטריקאווער 37, 2. שט. פראנט.

[illegible]

DR. MED.

A. URYSON

[illegible]

[illegible]

Konstantynowska 20, telef. 35-84.

שיילטע[illegible]

צו טעסיגע פרייזען צו בעקומען ביי

פאזשוצקא. קאמיענא 5

7-קלאסיגע שולע און פרעבלשולע פון די רענאמירטע ערציהונגס-אנשטאלט

קאצענעלזאן-נאחומאב

8 נאר לודקא 8 (צווישען נאוואמיעסקא און וואכאדניא) טעלעפאן 177-01 (פון 11 ביז 2).

קינדער אין שול-צוגאנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאהר ווערען א גענומען אין די קלאסען: A, B, C, I, II, III, IV

אין פארבערייטונגס-קלאס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 5½-7 יאהר. אין די פרעבל-שולע (שפיל-שולע) קינדער פון 3-7 י.

חוץ דעם אלגעמיינעם שול-פראגראם, קענען די ארטאדאקסישע קינדער גענוסען פון נאכמיטאג-חדר וואו ס'ווירד געלערנט גרונדליך אלע למודי-קודש, דהיינו: חומש, רש"י, נ"ך, גמרא, ותוספות דורך מלמדים-ספעציאליסטען אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר' יעקב בנימין קאצענעלזאן

בעמ.: די צאהל שעה'ען, ווי אויך מלמדים פאר למודי-קודש זענען היי-יאהר בעדייטענד פערגרעסערט.

פאר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פאר אונבעמיטעלטע עקזיסטירט א

נאכמיטאג שולע נאכמיטאג חדר | ביז 50% ביליגער | נאכמיטאג פ עבלשולע

העברעאישע 7-קל. קאעדוקאציאנס-שולע

„יבנה"

צעגעלניאנא 75, טעל. 13-134

די לייטונג פון דער שולע מעלדעט, אז עס ווערען אנגענומען איינשרייבונגען אין אלע קלאסען, ווי אויך אין די פרעבעל-שולע און A°. ניי-איינגעשריבענע קינדער דארפען ביילייגען געבורטס-צייגנישען ווי אויך בעשטעטיגונגען אויף געשטעלטע פאקען.

די קאנצעלאריע פון דער שולע איז טעטיג פון 8 ביז 2 נאכמ.

אנאנסן

אין „נייעם פאלקסבלאט" האבן דעם גרעסטן ערפאלג

אראבישע סוחרים קויפען געוועהר

געהיימנישפולער טראנספארט געוועהר פון דאנציג

דאנציג 7 (יט"א טעלעגראפיש) אין צו־זאמענהאנג מיט די קלאנגען, אז 2 אראבישע סוחרים האבען איינגעקויפט געוועהר אין טאָרן און עס אפטראנספארטירט דורך גדיניע, האָט די ווארשאווער אפטיילונג פון יט"א ארויסגעשיקט א ספעציעלען קאָרעספאָנדענט, כדי אויסצופאָרשען אַלזייטיג דעם ענין אויפ'ן אָרט. ס'שטעלט זיך ארויס, אז די אראבישע סוחרים זענען נאָך נישט אנגעקומען, דאגעגען איז קאנסטאטירט געוואָרען, אז דורך דער פראנצויזישער אריענט ליניע איז טראנספארטירט געוואָרע געוועהר קיין מאַרסייל, דאָס ווייטערדיגע בעשטעלונגס-אָרט איז נישט בע־קאנט. דער פראנצויזישער און ענגלישער קאָנסולען האָבען צוגעזאָגט אויסצופאָרשען דעם ענין.

מאנדאט - קאמיסיע און די א"י פראגע

גענף, 1 (י. ט. א. טעלעגראפיש) דער סעק־רעטאריאט פון פעלקער - בונד האט ארויסגעגעבען א קאמוניקאט וועגען פערלויף פון די בעראטונגען פון דער מאנדאטען - קאמיסיע, די קאמיסיע האט בעטראכט די אומשטענדע סיבות פון אונרוהען פון די אויגוסט - געשעהענישען, האט בעטראכט די קא־לאניזאציע און עמיגראציע - פראבלעמען און פעסט־געשטעלט, אז די ענגלישע פאליטיק האט בעריק־זיכט די עקאנאמישע מעגליכקייטען פון לאנד, ס'איז אויך אויסגעהערט געווארען די ערקלערונג פון דר. שילס, אז אין דער צוקונפט וועט ענגלאנד שטיצען די ענטוויקלונג פון דער נאציאנאלער היים פאר יודען אין ארץ - ישראל, אבער די קאנקרעטע בעשלוסען וועלען ערשט קענען אנגענומען ווערען נאכ'ן בעריכט פון סימפסאנען.

א פארשלאג וועגען שאפען א געזעצגעבערישען ראט אין א"י

ניו־יארק, 7 (יט"א טעלעגראפיש).

„וואָרלד" טיילט מיט פון גענף, אז די ענג־לישע רעגירונג גרייט צו א פארשלאג וועגען שאַ־פען א געזעצגעבערישען ראט אין א"י. אויך וועגן אנדערע אראבישע פאָדערונגען, וואס געפינען זיך אונ־טער דעם ענגלישען פראקטאראט.

— די א"י־רעגירונג וועט האבען דאס ווענטא־רעכט. דער ראט וועט געשאפען ווערען נאך סימפ־סאנ'ס בעריכט. דער קארעספאנדענט פון „וואָרלד" טיילט מיט, אז די מעהרהייט פון דער מאנדאט־קאמיסיע איז פאר'ן פארשלאג.

סימפסאנ'ס ארבייט אין א"י

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש) י. ט. א. דערוואוסט זיך, אז סימפסאן פארשט אויס די מעג־ליכקייטען פון דער צוקונפטיגער ענטוויקלונג פון לאנד. געוויסע פראגען, וואס סימפסאן האט גע־שטעלט די אראבישע עפענדים האבען זיי געשטעלט אין פערלעגענהייט.

ד"ר רופין האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט סימפסאנען. ער האט איהם אנגעוויזען א רייד יודישע פאזיבליכקייטען, מיט וועלכע ער זאל זיך בעראטען. סימפסאן האט אויפגענומען א דע־לעגאציע פון „הסתדרות העובדים" אין די פערזאָ־נען פון אלא־זפראט, בן־גוריון א. א.

געעפענט דער ערשטער פרא - פאלעסטינא קאנגרעס פון די יודישע ארבייטער אין פוילען

ווארשא, 7 (יט"א טעלעגראפיש).

אין זאל פון ווארשאווער שטאט־ראט האט זיך היינט געעפענט דער ערשטער פרא־פאלעסטינא קאנגרעס פון די יודישע ארבייטער אין פוילען. עס זענען געקומען 665 דעלעגאטען פון 200 שטעט. זיי פארטרעטען 38.500 וועהלער.

ס'זענען אנגעקומען פיל בעגריסונגען. דערונ־טער אויך פון דער יודיש־אראבישער ארבייטער־פאר־ליגע אין א"י.

געעפענט דעם קאנגרעס האט זרבבל. ראַזם. יצחק לעוו האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער ווירטשאפטליכער לאגע אין א"י. פער־טערוויל האט רעפערירט וועגען דער קאלאניזאציע־פאליטיק פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אין פרעזידיום זענען געוועהלט געווארען: זרבבל, פועה רא, אזוסקא, פרגס, איידעלמאן און ראטם. האט ער־דערסקי פון לאדז.

דער קאנגרעס וועט געדויערן 2 טאג.

די מאנדאטען־מאכט איז מחויב צו אונטערשטיצן די יודיש־נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל

רעזאלוציע פון קאנגרעס פון דער פעלקער־ליגע פריינד

גענף, 7 (טעלעגראפיש דורך יט"א).

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער פאַלי־טישער קאמיסיע פון קאנגרעס פון די פעלקער־ליגע־פריינד איז ברייט דיסקוטירט געווארען די ארץ־ישראל־פראגע. נאך א לאנגער דיסקוסיע איז אנ־גענומען געווארען די רעזאלוציע פון דער בריטישער דעלעגאציע. די רעזאלוציע בעטאנט די צוזאמענגע־בונדענקייט פון יודישען פאלק מיט ארץ־ישראל. די מאנדאטען־מאכט איז פערפליכטעט צו שטיצען פון שאפען א נאציאנאלע היים פאר יודען אין ארץ־ישראל.

אין נאמען פון דער ארץ־ישראל־דעלעגאציע האט דיזענהאוז ערקלערט, אז נישט קוקענדיג אויף די דערוואַלדיגע מיינונגס־פערשידענהייט צווישען יו־דען און ענגלאנד וועלען אויספירען דעם מאנדאט אונטערשטיצט די א"י־דעלעגאציע די רעזאלוציע.

דער פוילישער רעלעגאט לוקאשעוויטש האט וואַרים אונטערשטיצט די יודישע פאסטולאטען.

בלוטיגע קאמפען אין אינדיען

פעשאוואר, 1 (ספ. טעל.) עטליכע גרופען מיט קאמוניסטישע פיהרער האבען אטאקירט די פא־ליציי - אפטיילונגען אין באהאס, די פאליציי האט בענוצט געוועהר. איינער פון די מאנפעסטאנטען איז דערהרג'עט געווארען.

פעשאוואר, 1 (ספ. טעל.) דאס רעגירונגס־מיליטער פיהרט גרויסע קאמפען מיט דעם איפ־שטענדיגען שבט אפרידי, וועלכער געהט אויף דער שטאט פעשאוואר.

לאנדאן, 1 (אטאר) לויט די לעצטע מעל־דונגען אויס פעשאוואר איז דער אנגריף פון די ענגלישע לופט - כוחות געגען דעם שבט אפרידי געווען זעהר ערפאלגרייך. די פעלוטסטען פון די אויפ־שטענדלער זענען זעהר גרויס, 180 ערשאפלאנען האבען אראפגעוואָרפען 5000 באמבעס.

גרויסע שפיאנאזש־אפערע אין לעמבערג

בראש פון דער באנדע איז געשטאנען א באנק־בעאמטער

לעמבערג, 7 (טעלעגראפיש) דא זענען געכ־טען פארגעקומען א רייה רעוויזיעס און א עטליכע צוזאמענהאנג מיט דער ענטדעקטער שפיאנאזש־אפערע לטובת די סאוויעטען.

בראש פון דער שפיאנאזש־באנדע איז גע־שטאנען א בעאמטער פון „באנק גאספאד. קראיא־וועגא", גראבאוויטש.

אלע ידיעות, עקאנאמישע, פאליטישע און מי־ליטערישע זענען איבערגעשיקט געווארען קיין רוס־לאנד. ביי די ארעסטירטע האט מען געפונען פיל קאמפראמיטירענד מאטעריאל.

איבעררייסען די סאוויעטיש־ענג־לישע בעציהונגען

פאדערן די קאנסערוואטיסטען אין ענגלישען פארלאמענט

לאנדאן, 7 (ספ. טעל.) אויף דער לעצטער זיצונג פון ענגלישען פארלאמענט האבען רעפובלי־קאנער לעמפסאן און דער געוו. אויסערן־מיניסטער טשעמבערלען בעריהרט די בעציהונגען צווישען ענגלאנד און די סאוויעטען. די רעדנער האבען א.געוויזען, אז די סאוויעטען פיהרען ווייטער א גרויסע קאמוניס־טישע פראפאגאנדע אויף די ענגלישע טעריטאריע.

געענטפערט האט דער אויסערן־מיניסטער הענ־דערסאן, וועלכער האט געזאגט, אז ס'איז זיכער אז די סאוויעטען פיהרען קאמוניסטישע פראפא־גאנדע, מ'קען דאס אבער זיי דערוויזען, און דער־ריבער וועט די לייבאר־פארטיי נישט נעהמען אויף זיך אזא גרויסע אנטווארטליכקייט, ווי איבעררייסען די ענגליש־סאוויעטישע בעציהונגען.

קאנגרעס פון דער קאמוניסטי־שער פארטיי אין רוסלאנד אפגעלעגט געווארען

די סיבה אינערליכע רייבונגען

מאסקווא 7 (ספ. טעל.) א גרויסע סענ־סאציע האט ארויסגערופען דער פאקט, אז דעם קאנגרעס פון דער קאמוניסטישער פארטיי, וועלכער איז צונויפגערופען געווארען דעם 15 יוני, אי־אפגעלעגט געווארען ביז'ן 15 יולי.

די סיבה פון דעם איז די רייבונגען צווישען סטאלינען און דעם פאליט ביורא.

ס'איז נישט אויסגעשלאסען, אז סטאלין וועט געצוואונגען זיין, כדי אויף זיין צד אריבערצוציהען עטליכע בעדייטענדע מיטגלידער פון פאליט־ביורא בעזונדערס די פרוי לענין — קרופסקאיא.

אטענטאט אויף דער פרוי בארונין ראטשילד

פאריז, 1 (ספ. טעל.) נעכטען איז דערפריה האט אין פאסט - אמט אויפגעריסען א פעקעל, וועל־כעס איז געווען אדרעסירט צו דער פרוי באראנין ראט־שילד, ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט האט זיך אינם פעקעל געפונען א טייוועלס - מאשין, די פאליציי האט אנגעהויבען אן ענערגישע אויספארשונג.

מאטושעווסקי זאל צוריק ווערען מיניסטער

ווארשא, 1 (טעלעפאניש) אין די פאליטי־שע קרייזען האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דער גענ. מיניסטער מאראטשעווסקי זאל ווערען פאסט מיניסטער.

לויה פון הרב פערלמוטער ז"ל

מיטגעפיהל פון דער פוילישער רעגירונג

ווארשא, 7 טעלעפאניש פון אונזער קאָ־רעספאנדענט). אין דער לויה פון הרב פערלמוטער האבען אנטיילגענומען 20 טויזענד מענשען. ס'זענען אויך אנגעקומען געווען די רביים פון אטוואצק, אמ־שינאוו, סקערניעוויץ, ראדומין און גראדזיסק. דער גערער רבי האט צו דער לויה נישט געקענט קו־מען. דעם ערשטען הספד האט געהאלטען דער פיעטריקאווער רב הרב שפירא. דאן דער קהלה־פרעזעס דעפ. פארבשטיין, הרב כהנא א. אנד.

ווארשא, 7 (יט"א טעלעפאניש).

בעת דער לויה פון הרב פערלמוטער האט אויפ'ן בית־עולם צ. א. אויסגעדריקט מיטגעפיהל קאמענדאנט סוכענעק — פון אינערן־מיניסטעריום; דעפ. ברון, אין נאמען פון „בעבע", קושניצקי — אין נאמען פון בילדונגס־מיניסטעריום און פולק. ד"ר מיזעס, אין נאמען פון קריגס־מיניסטעריום.

ווארשא, 7 (יט"א טעלעפאניש).

פרעזעס פארבשטיין האט היינט בעקומען א מיטגעפיהל־דעפעשע פון ארבייטס־מיניסטער פריס־טאר מיט פאלגענדען אינהאלט: „צוליב'ן טויט פון הרב פערלמוטער דריק איך אויס מיטגעפיהל".

ווארשא, 7 (טעלעפאניש) די פאמיליע פון פערשטארבענעם הרב פערלמוטער האט בעקו־מען פון יוסטיץ־מיניסטער פאלגענדע דעפעשע: „צוליב'ן טויט פון דעם אלגעמיין געאכטעטען הרב פערלמוטער, דריקט אויס מיטגעפיהל, סטאניסלאוו־צאר, יוסטיץ־מיניסטער".

אויסערארדענטליכע סעסיע פון סענאט

ווארשא, 1 (טעלעפאניש) אין די נאהענט־סטע טעג זאל ערשיינען דער דעקרעט וועגען צונויפ־רופען די אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון סענאט, צו די סעסיע וועט האבען א בעסער מזל ווי די סיים־סעסיע איז נישט בעקאנט.

„גראף צעפעלין" צוריק אין דייטשלאנד

בערלין, 1 (ספ. טעל.) די לופט - שיף „גראף צעפעלין" האט נעכטען געלאנדעט אין פרידריכ־האפען נאך דער ערפאלגרייכע רייזע קיין אמעריקא.

UPORCZYWY BÓL GŁOWY
USUWAJĄ
SZYBKO WYWIERAJĄC SWOJE DZIAŁANIE
PROSZKI
TABLETKI
DLA DOROSŁYCH
MAG. A. BUKOWSKIEGO
DO NABYCIA WE WSZYSTKICH APTEKACH
W ORYGINALNYM OPAKOWANIU W MAŁYCH
DOGODNYCH PUDEŁKACH PO DWADZIEŚCIA TABLETEK
CENA ZŁ. 1.30
znak fabr. TRÓJKĄT ze STATYWEM

נאטען־איסטאריש צווישען פוילען־דייטשלאנד

צוליב די געשעהענישען אויף דער דייטש־פוילישער גרעניץ

די געמישטע קאמיסיע איז נישט געקומען צו קיין הסכם

ווארשא 1 (טעלעפאניש) נאך דער נעכטיגער זיצונג פון דער געמישטער פויליש דייטשער קאמיסיע אויסצופארשען די געשעהענישען אויף דער גרעניץ זענען אפעלירט האבען די דעלעגאציעס ארויסגעגעבען בעזונדערע דעקלאראציעס וועגען פערלויף פון די געשעהענישען. די דעקלאראציעס זענען נישט קיין איינ־היטליכע און דערביבער האט יעדע דעלעגאציע איי־בערגעשיקט זייער מיינונג צו איהר רעגירונג.

די מיינונג פון דער פוילישער דעלעגאציע איז פאלגענדע: די פוילישע דעלעגאציע האט אהן שום ספק פעסטגעשטעלט, אז די פוילישע פונקציאנא־רען זענען פערנארט געווארען אויף דער דייטשער טעריטאריע דורך דייטשע בעאמטע, וועלכע האבען זיך גענויער פערשטענדיגט מיט די פוילישע בעאמטע ווע־גען פערשידענע פארמאליטעטען, די שפורען פון די קוילען בעווייזען נישט, אז דאס געוועהר זאל האבען בענוצט געווארען דורך פוילישע בעאמטע. ס'איז אויך פעסטגעשטעלט געווארען, אז די פוילישע בע־אמטע זענען אדורכגעגאנגען די גרעניץ אין דער בע־גלייטונג פון א דייטשען בעאמטען, אזוי־ווי האט די פוילישע דעלעגאציע פעסטגעשטעלט, אז דא איז גע־שעהען א דייטשע פראוואקאציע.

ווארשא 1 (טעלעפאניש) דער פוילישער שארזשע־דע־אפער אין בערלין כאלופשינסקי האט היינט איבערגעגעבען דער דייטשער רעגירונג א נאטע וועגען די געשעהענישען אויף דער דייטש־פוילישער גרעניץ. די נאטע ווערט געהאלטען אין א שארפען טאן און דאָרט ווערט געזאגט, אז ס'איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרען, אז די פוילישע בעאמטע זענען פראוואצירט געווארען ארויסצוגעהן די דייטשע גרעניץ. די פוי־לישע רעגירונג האלט אונטער איהר פראטעסט.

ווארשא 1 (טעלעפאניש) דער דייטשער גע־זאנדטער ראושער האט היינט איבערגעגעבען אין אוי־סערן - מיניסטעריום א נאטע וועגען די געשעהעני־שען אויף דער דייטש - פוילישער גרעניץ נעפען אפעלען.

אין דער נאטע ווערט אויסגעדריקט בעדויערען צוליב דעם וואס די געמישטע קאמיסיע איז נישט געקומען צו קיין איינהייטליכקייט און די נאטע שולד פאר די געשעהענישען ווערט ארויפגעווארפען אויף די פוילישע בעאמטע.

ריזען־שרפה אין די מיליטערישע מאגאזינען אין טאָרן

די שאדענס בעטרעפען עטליכע מיליאן זלאטעס

טאָרן, 7 (טעלעפאניש) נעכטען 1 א זייגער ביינאכט איז אויסגעבראכען א מוראדיגע שרפה אין די מיליטער־מאגאזינען. דאס פייער האט זיך פערשפרייט בליץ־שנעל און אין פערלויף פון 10 מינוט איז דער גאנצער בנין געשטאנען אין פלאַ־מען, מיט עטליכע מינוט שפעטער איז איינגעפאלען דער דאך פון דער געביידע, וועלכער האט געהאַט 500 קוואדראט־מעטער די גרויס. די עלעקט־רישע בעלייכטונג איז פערלאשען געווארען און דאס פייער האט זיך ווייטער פערשפרייט. צו הילף זענען געקומען א חוץ די מאַרינער פייער־לעשער אויך פון די ארומיגע שטעטלעך און פיל מיליטער. ליידער האט זיך גאָרנישט געלאָזט ווענדען. אין בנין האבען זיך געפונען גרויסע זאפאסען בעגזין, עטער און אנדערע לייכט־ברענענדע מאטעריאלען.

2 א זייגער ביינאכט האבען אויפגעריסען עט־ליכע קעסטלעך אמוניציע. די שרפה האט געדוי־ערט פון 9 א זייגער אינדערפריה. די שאדענס זע־נען גרויסע, ס'זענען פערברענט געווארען אייטאס, 20 סאניטאר־וואגענס, א גרויסע צאהל מונדירען, פערבאנדס־מאטעריאל, רעזיפעקטארען, פעלדקיך־כען, און מעדיקאמענטען. די שאדענס ווערען בע־רעכענט אויף עטליכע מיליאן זלאטעס. די סיבה פון דער ריזען־שרפה איז נישט פעסטגעשטעלט גע־וואָרען.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז 8 יוני 1930

לאדז 8 יוני 1930

יוד. אימיגראציע קיין א"י איז געווען א ברכה פאר די אראבער

מעמאריאל פון דער יודישער אגענץ וועגען אימיגראציע-מסקנות פון שאו-קאמיסיע

לאנדאן. [י. ט. א.] נאך די אלגעמיינע קריטישע בעמערקונגען וועגען די מסקנות פון די שאו-קאמיסיע און די פראבלעמען פון אימיגראציע און באדען פערנעמט זיך דער "שאו"-מעמאריאל פון דער יודישער אגענץ מיט א גענויעם אנאליז, בעזונדער פון די אימיגראציע און בעזונדער פון די באדען-מסקנות פון שאו-בעריכט. וועגען אימיגראציע ווערט אין אגענץ-מעמאריאל געזאגט צוו. אנד.:

עס איז דערכאויס פאלש די מיינונג פון דער שאו-קאמיסיע, אז די יודישע אימיגראציע איז געווען די עיקר-סיבה אדער גאר די איינציגע פון דעם קריזיס אין א"י. קיין נישט אינפארמירטע פערזאן וואס וועט לעזען דעם טייל פון שאו-בעריכט, וועט נישט וויסען, אז אין דעם זעלבען פעריאד האט א"י געליטען פון טריקעניש און פיה-פעסט אין 1926, ערד-ציטערניש אין טויזענד ניינהונדערט זיבען-און-צוואנציג, און היישעריקען אין 1928, א ריהע אומגליקען, וואס זאגאר די קאמיסיע וועט קוים האלטען, אז די יודען זענען פאר זיי די איינציגע פער-אנטווארטליכע.

די צווייטע פראגע איז, צי האט באמת צווישען די אראבער געהערשט א שטארקע ארבייטסלאזיגקייט. די קאמיסיע גיט אן פאלגענדע צאהלען: 1,600 ארבייטסלאזע אראבער סוף אויגוסט טויזענד ניינהונדערט זיבען און צוואנציג און 2000 — סוף סעפטעמבער טויזענד ניינהונדערט ניין און צוואנציג. אויב די דאזיגע צאהלען זענען ריכטיגע, ווייזען זיי, אז די אראבישע ארבייטסלאזיגקייט איז געשטיגען אין די יאהרען 1921, 1928 און 1929, ד. ה. דעמאלס, ווען די יודישע אימיגראציע קיין א"י איז געווען זעהר א קליינע.

ווי עס איז שוין געווען דערמאנט, האבען זיך די אונרוהען דער עיקר אפגעשפילט אין די שטעט ירושלים, חברון און צפת. נעמענדיג די ציפערען פון אימיגראציע-דעפארטאמענט פאר די יאהרען 1927, 1928 און 1929, איבערציגט מען זיך, נישט בלויז אין די דערמאנטע שטעט נאר זאגאר אר"ן רעכענדיג די קרייזען, האט ארבייטסלאזיגקייט צווישען די אראבער בעטראפען דורכשניטליך א חודש צוזאמענגערעכנט נישט מעהר ווי הונדערט זיבעציג אין 1927, פיער הונדערט און זיבעציג 1928, און 40 1929.

די דאזיגע צאהלען ווייזען אויף דעם אבסורד פון דער פעסטשטעלונג אין שאו-בעריכט וועגען דער שייכות צווישען די אויגוסט-אונרוהען און דער אראבישער ארבייטסלאזיגקייט. עס איז נישטא אין ערגעץ דער מינדעסטער סימן, אז צוליעב יודישער אימיגראציע זאלען אראבער האבען געווארען ארבייטסלאז.

ווייטער ווערט אין מעמאריאל פעסטגעשטעלט, אז עס איז נישטא קיין איין בעווייז, דאס איין אראבער זאל זיך [ווענינגסטענס] האבען בעטייליגט אין די אונרוהען, ווייל ער זאל האבען געגלויבט [שוין נישט רעדענדיג, אז ער זאל האבען מיט רעכט געגלויבט] דאס צוליעב יודישער אימיגראציע האט ער פערלוירען אדער וועט פערלירען זיין ארבייט.

אן אנדערע טענה איז, אז די ארבייטסלאזיגקייט איז געפאלען צו לאסט דעם אראבישען שטעדטער-צאהלער. פון שאו-בעריכט דערוויסען מיר זיך, אז די רעגירונג האט אנגענומען עפענטליכע ארבייטען, כדי צו לינדערען די ארבייטסלאזיגקייט, „און אז" אלס צוגאב דערצו" האט די פאלעסטינער ציוניסטישע עקזעקוטיווע אויך" געמאכט בעמיהונגען צו בעשעפטיגען יודישע ארבייטסלאזע.

וואס שייך דער בעשעפטיגונג ביי רעגירונגס-ארבייטען, האבען גלייכער די יודען א שטארקען גרונד צו בעקלאגען זיך.

וואס שייך דער אויפנאהמס-פעהיגקייט פון לאנד, דארף פעסטגעשטעלט ווערען, אז דאס איז נישט עטוואס סטאבילעס. די יודישע אימיגראציע אליין האט די טענדענץ צו פערגרעסערן די אויפנאהמס-פעהיגקייט פון א"י. עס איז א פולשטענדיגע אילוזיע צו בעהויפטען, אז יודען דארפען געפינען ארבייט דורך ארויסשטויסען אראבער. דער אמת איז, אז די יודישע אימיגראציע זייט דער מלחמה האט כסדר פערשטארקט די נאכפראגע נישט בלויז אויף יודישע נאר אויך אויף אראבישע ארבייט. אז די יודישע אגענץ האט זיך ביי דער איינוואנדערונג גערעכענט מיט דער אויפנאהמס-פעהיגקייט פון לאנד, איז צו זעהן שוין דערפון, דאס פון 101,000 אימיגראנטען אין משך פון 10 יאהר זענען אין סעפטעמבער 1929 אין לאנד געווען בלויז 800 ארבייטסלאזע יודען, — א צאהל, וועלכע קען נישט ערנסט גענומען ווערען אין אכט. עס וואלט געווען פאלש, פעסטצושטעלען א ציפער פאר דער אויפנאהמס-פעהיגקייט פון לאנד, בעת די געשיכטע פון די לעצטע 10 יאהר ווייזט, אז פאר אלע אימיגראנטען האט מען אין לאנד געפונען ארבייטס-מעגליכקייטען.

שוועדישער פרינץ מנדב געלד פאר די יוד. עמיגראנטען פון ראטען-רוסלאנד

שטאקהאלם. [י. ט. א.] די פארשטעהער פון פערבאנד פון די רוסישע יודען אין דייטשלאנד י. טייטעל און ד"ר שפיגעל, וועלכע פיהרען איצט דורך אין די סקאנדינאווישע מלוכות א געלד-אקציע לטובת די יודישע עמיגראנטען פון סאוועט-רוסלאנד, זענען אין שטאקהאלם אויפגענומען געווארען פון ברודער פון שוועדישען קעניג פרינץ קארל, וועלכער האט זיך אינטערעסירט מיט'ן מצב פון די יודען אין ס. ס. ר. ה. און די יודישע עמיגראנטען אין אויסלאנד. צום סוף פון געשפרעך האט פרינץ קארל אין זיין נאמען ווי אויך אין נאמען פון שוועדישען „רויטען קרייץ" מנדב געווען לטובת די יודישע עמיגראנטען א געוויסע סומע. די געלד-אקציע פון די ה"ה טייטעל און ד"ר שפיגעל געהט דורך מיט גרויס ערפאלג.

א סערב שרייבט אפ א טייל פערמעגען פאר דער יודישער קהלה אין בעלגראד

בעלגראד. [י. ט. א.] די הגה צייטונג „פאליטיקא" טיילט מיט, אז א געוויסער פראוואסלאווער סערב האט פערשריבען א טייל פון זיין אונבעוועגליכען פערמעגען לטובת דער יודישער קהלה. אין זיין צוואה שרייבט דער סערב: „מיט דער הילף פון מיינע יודישע ברידער האב איך אלס סוחר ערווארבען מיין פערמעגען. עס איז דעריבער רעכט, אז אויך די יודישע קהלה זאל נאך מיין טויט בעקומען א טייל פון מיין פערמעגען". דער דאזיגער ביישפיל פון טאלעראנץ האט אין דער בעלגראדער עפענטליכקייט געמאכט א שטארקען איינדרוק.

גרעסטע פראפעסארען אין דייטשלאנד און עסטרייך

שטעהען פאר א רעטעניש פון א מאדערנעם טרעפער

אין עסטרייך און דייטשלאנד האבען ארויסגערופען אן אומגעהויערע גרויסע סענסאציע עקספערימענטען מיט א טעלעפאט, וועלכע זענען אדורכגעפיהרט געווארען אין ווינער געריכטס-זאל.

אנגעקלאגט איז א געוויסער האנוסען, וועלכער גיט זיך אויס פאר א טעלעפאט און העל-זעהער מיט פלעגען זיך צו איהם ווענדען אין פערשידענע פאלען מענשען, וואס האבען געהאט אין זייער לעבען אנאינטערעסאנטע צו ענטדעקען געהיימניספולע געשעהענישען. האנוסען האט אין אזעלכע פאלען געפאדערט אנגעמעסענע שפייכענדע בעלוינונג, פאר וועלכע ער האט מיט כח פון זיינע העל-זעהערישע און טעלעפאטישע פעהיגקייטען צוגעזאגט צו ענטדעקען די אלע סודות, וועלכע זיי האבען געוואלט דערגעהן. אזוי האט למשל אין איין פאל צו איהם זיך געווענדעט א פרוי מיט דער פאדערונג, אז ער זאל איהר זאגען, ווער עס זענען די גנבים, וועלכע האבען אין דער גאס געשאסען און פערוואונדעט איהר יונגען זוהן, וואס איז דאמאלסט צופעליג ארורכגעגאנגען די גאס. אין א צווייטען פאל ווידער האט זיך צו איהם געווענדעט איינער מיט דער פראגע, ווער ס'איז דער גנב, וועלכער האט ביי איהם צוגעגנב'עט טייערע בריליאנטען אויער-רינגלעך.

אזוי ווי האנוסען איז געווארען אלץ מעהר פאפולער און ער האט צו זיך צוגעצויגען דייער א סך קליענטען, פון וועלכע ער האט ארויסגעצויגען גרעסערע געלד-סומען, האט די ווינער פראקוראטור בעשלאסען א סוף צו מאכען צו דעם גאנצען עסק און האנוסען איז אנגעקלאגט געווארען אלס שווינדלער און בעטריגער.

צו דעם פראצעס, וועלכער האט שוין פאר זיך אליין צוליעב דער פאפולאריטעט פון דעם אנגעקלאגטען ארויסגערופען די אויפמערקזאמקייט פון דער עפענטליכער מיינונג אין ווין, זענען איינגעלאדען געווארען זעהר פיל עדות און צוויי עקספערטען פון דייטשלאנד, וועלכע גילטען אלס גרויסע באקאנטע אויפ'ן געביט פון פסיכאלאגיע.

צווישען אנדערע זענען נאטירליך אויך ארויסגערופען געווארען אלס עדות די ביידע איבערגעדערמאנטע פערזאנען: די פרוי, וועמענס זוהן עס איז געשאסען געווארען אין דער בעגנב'עטער, וועלכער האט געוואלט געפינען זיינע געגנב'עטע אוירינגלעך.

דאס עדות זאגען פון ביידע עדות איז געווען גינסטיג פאר דעם אנגעקלאגטען.

די פרוי דערצעהלט, אז זי האט איבערגעבען אויף א וויזיט-קארטע די ווערטער: „הערבערט פאטש (דאס איז דער נאמען פון זוהן פון דער פרוי), דער הלטער מערץ 1929, אבער — טאפארק, ערשטער אדער צווייטער בלום".

די וויזיט-קארטע האט זי איבערגעגעבען האנוסענען און פערלאנגט פון איהם, אז ער זאל איהר געבען א גענויע אויפקלערונג פון דעם גאנצען ענין, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין דער קארטע.

דערויף האט האנוסען אפגעגעבען פאלגענדע ערקלערונג:

— איך זעה א פארק — בוימער — יונגעלייט — איך הער שיסען — קוגלען צושטויסען זיך; איך זעה ווי א יונגערמאן, א הויכער ברונעט פאלט אנידער — ער שטעהט ווידער אויף און האלט זיך אן אין א בוים פון רעכטס פון דער גאס — איך זעה בלוט רינען — דער יונגערמאן איז פערוואונדעט — ער האט בעקומען א שאס אין בויך אריין, אבער ער לעבט נאך...

די פרוי בעהויפטעט, אז האנוסען האט גענוי געשילדערט די גאנצע סצענע און אויך צוגעהאלפען צו דער ענטדעקונג פון די בעטייליגטע אין דער שיסעריי.

דער צווייטער עדות דערצעהלט, אז אין יאהר טויזענד ניינהונדערט זיבען און צוואנציג האט ער געגעבען האנוסענען הונדערט טויזענד טשעכישע קראנען, פאר וועלכע האנוסען האט איהם צוגעזאגט צוצוהעלפען צו דער ענטדעקונג פון דעם גנב, וועלכער האט ביי איהם צוגעגנב'עט טייערע אוירינגלעך. ער האט די אוירינגלעך נישט אנגענומען, אבער האנוסען האט פאקטיש צוגעהאלפען איהם דערגעהן, ווער ס'איז דער גנב. דער גנב איז צו איהם אליין געקומען און געבעטען, ער זאל איהם מוחל זיין פאר דער גנבה. אזוי ארום איז ער דורך האנוסענס ארבייט בעפרידיגט געווארען, בעגנוי ווי זיי זעהט ער קיין שום מאטיוו זיך געגען איהם צו קלאגען.

דאס געריכט האט פעסטגעשטעלט, אז ס'וועלען דורכגעפיהרט ווערען פאלגענדע עקספערימענטען:

1) א פערטרויאונגס-מאן פון דעם טריבונאל וועט בעהאלטען א געוויסען חפץ און דער אנגעקלאגטער וועט איהם דארפען אויסזוכען.

2) מ'וועט איהם פארלייגען דריי בריף פון דריי פערזאנען, וועלכע ער וועט דארפען כאראקטעריזירען אויפ'ן יסוד פון זייער שריפט.

3) עס וועלען דורכגעפיהרט ווערען דריי עקספערימענטען פון העלזעהעריי, ביי וועלכע ער וועט האבען די אויפגאבע צו בעשרייבען פערשידענע געשעהענישען, גענוי ווי זיי זענען פארגעקומען און וועלכע זענען נאר בעקאנט די ריכטער.

4) דער אנגעקלאגטער וועט בעקומען א געוויסען געגענשטאנד און אויפ'ן יסוד פון דעם געגענשטאנד וועט ער האבען די אויפגאבע צו שילדערן דאס בילד און די כאראקטעריסטיק פון דער פערזאן, צו וועלכער ס'געהערט יענער געגענשטאנד.

כדי זיך צו בעווארענען פאר יעדען שווינדעל האט דער טריבונאל בעזעצט אלע איינגענג צו דעם געריכטס-זאל מיט פאליציי, און אפילו אין דעם זאל גופא האט מען אויפגעשטעלט א פאליציי-וואך.

פאר'ן אנהויב פון די עקספערימענטען האט מען דעם אנגעקלאגטען פערבונדען די אויגען און פערשטאפט די אויערען מיט וואטע, כדי ער זאל נישט זעהן און נישט הערען קיין שום בעמערקונגען.

אין משך פון א מינוט צייט האט האנוסען געלייזט די ערשטע אויפגאבע. ווען דער פערטרויאונגס-מאן האט געמאלדען דעם געריכט, אז ער האט שוין בעהאלטען דעם געגענשטאנד און האנוסען האט בעקומען דעם בעפעהל איהם אויסצוזוכען, איז ער ארויס פון געריכטס-זאל און זיך באלד אומגעקעהרט מיט א שליסעל, וועלכען דער פערטרויאונגס-מאן האט געהאט בעהאלטען.

דאס פובליקום האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און טראץ דעם פערבאט פון דעם טריבונאל האט עס געמאכט דעם אנגעקלאגטען שטורמישע אוואציעס.

דאן זענען איהם פארגעלעגט געווארען בריף פון דריי מענשען פון דער שטאט ליטמעריץ. האנוסען האט אויפ'ן סמך פון די בריף גלענצענד כאראקטעריזירט זייערע שרייבערס.

אויך די עקספערימענטען פון העלזעהעריי זענען גלענצענד געלונגען. נאר אין איין פאל איז געשעהן א געוויסער טעות, אבער דאס געריכט האט אליין אנערקענט, אז דאס איז געווען די שולד פון דעם, וואס האט געשטעלט די פראגע, אבער נישט פון דעם אנגעקלאגטען. דער אנהויב איז געגאנגען בשורה, נאר שפעטער האט דער פראגע-שטעלער די זאך אליין פערדרייט. אין אנדערע צוויי פאלען זענען די „העלזעהער"-עקספערימענטען גלענצענד אויסגעפאלען.

צוליעב די דאזיגע רעזולטאטען האט דאס געריכט ארויסגעגעבען האנוסענען א בעפרייאונגס-אורטייל.

די מאסען

און די פיהרער

די יודישע מאסען אין דער גאנצער וועלט זענען איצט געווען אין א מין נאך-געוואלד-שטימונג. ארויסגערופען מיט'ן געפיהל, אז דער קאלעקטיווער געשריי האט דערגרייכט זיין ציל און די תפילות זענען אנגענומען געווארען...

דערפערגלייך איז נישט אינגאנצען ריכטיג. וואס פון הימעל איז נאך קיינער נישט געקומען אנזאגען, אז די תפילה איז נתקבל געווארען, פון דעסט-וועגען אבער וואלט מען אונז שוין אן גוטע בשורות. די בשורות זענען אפילו נישט קיין קלארע און קאנקרעטע, מע בעגנוגענט זיך בלויז מיט דער אלגעמיינער פערזיכערונג, אז פרעזידענט ווייצמאן איז פול מיט האפענונג. אבער פאר אונזערע מאסען איז עס גאנץ גענוג, צו בעקומען א גוטע שטימונג...

און אט דערויף טאקע וואלט מען זיך געדארפט אפשטעלען.

ווען מען קוקט זיך צו צום אויפגאנג און אפגאנג פון דער כוואליע אין דער מאסען-שטימונג ארום דער לעצטער א"י-עפאפעע, בעקומט מען אמאל דעם איינדרוק, אז נישט א"י איז א קנין פונ'ם פאלק, נאר פערקעהרט, דאס פאלק איז א קנין פון א"י, אדער פונ'ם ציוניזם.

מע חזר'ט טאקע אויף אלע נאסען-ווינקלען, ביי אלע אקציעס פאר די קרנות, אז גאר ביי אלע גרויסע געשעהענישען, אז א"י איז נישט קיין פארטייענין, נאר א גרויסע נאציאנאלע פראבלעם, אויך די לעצטע פראטעסטע זענען געמאכט געווארען אין נאמען פון דער גאנצער יודישער נאציע, אבער אויב די יודישע נאציע וואלט געווען נישט קיין קנעכט ביי דער נאציאנאלער היים, נאר א באלעבאס איבער איהר, וואלט זי דאך געהאט רעכט צו פאדערן א קלארען בעריכט וועגען דער לאגע און נישט קיין מטושטשע אנזאגענישען, אז אט היינט דארף מען פראטעסטירען און היינט דארף מען זיך שוין פרייען.

דער חסרון בעשטעהט נישט דערין, וואס יודען וועלען ארויסלאזען אן איבעריגע טרעהר, אדער געבען אן איבעריגען שמייכעל נישט אין דער צייט, נאר וואס מען האלט אונז בכלל אין דער פינסטער-ניש בנוגע דער גאנצער פראבלעם און מען פערוואנדעלט אונז אין מאנעקענען, וואס טארען נישט האבען קיין אייגענע מיינונג, נאר מוזען שפרינגען „קדוש" נאך דער טייטעל פון די הויכע פיהרערס.

דער ציוניזם איז פלומר'שט א דעמאקראטישע בעוועגונג, אבער דער דעמאקראטיזם איז גילטיג נאר לגבי די איינציגע פארטייחברים, פאר די איבעריגע מיליאנען יודען אבער, אויף וועמען מען שטיצט זיך, ביי וועמען מען נעהמט געלד און פראטעסטען און שטימונג, איז עס דיקטאטור אינ'ם פולסטען זינען. דער אמת'ער באלעבאס איבער א"י האט קיין שום דעה נישט, ביי איהם פרעגט מען נישט, איהם הייסט מען, פערשפילענדיג איהם, ווי א קינד, מיט אלגעמיינע פראזען.

שוין באלד א יאהר, ווי די אראבישע פראגע איז מיט בלוטיגע צייכענס געשטעלט געווארען אויפען סדר-היום, מיר זענען געווען עדות, ווי אז די פראגע איז בעהאנדעלט געווארען אין דער שאו-קאמיסיע אין ירושלים, נאכהער אין פארלאמענט אין לאנדאן, איצט אין זשענעווע אין פעלקער-בונד. קיינער וועט אבער נישט, וואסער שטעלונג מיר אליין דארפען צו אט דער פראגע, פון וועלכער עס איז אפהענגיג די גאנצע פראבלעם. עפעס אן איינערגאנג דאנך ליגט איבער דער עפענטליכקייט, ווי א מין פערפארגענע צענזור, וואס דערלאזט נישט קיין קלארען ווארט נישט צו די מאסען און נישט פון די מאסען.

און אזוי ווי די געהיימע נאטור-כוחות רעגולירען: די בעוועגונג פון אפפלוס און צופלוס פון מאסערן ביי די פרעגעם פון ים, אזוי רעגולירט די פערבארגענע האנד די הויבונג און נידערונג פון דער מאסען-שטימונג.

איין פערענטפערונג האבען די פיהרערס: די מאסען ווילען עס. און אנהויב פון דער פראטעסט-בעוועגונג האט דער. גרינבוים געזאגט: „אויב מיר וועלען נישט פראטעסטירען, וועלען מיר פערלירען די מאסען". דאס איז ריכטיג.

און איצט א פנים מוז מען שוין ווייזען א פרעהליכע מינע, אויך צוליב'ן זעלבען טעם.

צוזאמענפאהר פון פערבאנד פון יודישע קאאפעראטיווען אין פוילן

ווארשא. [י. ט. א.] דער דירעקטאראט פון פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען אין פוילען האט צונויפגערופען קיין ווארשא אויף דעם 22-טען און 23-טען יוני ה. י. דעם ניינטען צוזאמענפאהר פון פערבאנד. אויפ'ן טאג-ארדנונג פון צוזאמענפאהר שטעהען צוו. אנד. פאלגענדע פראגען: טעטיגקייטס-בעריכט, רעפעראטען וועגען ווירטשאפטליכער לאגע פון די יודען אין פוילען, פראבלעמען פון יודישער קאאפעראציע, „באנק פאר קאאפעראטיווען", סטאטוט-ענדערונגען, פרישע וואהלען פון די פערבאנד-ארגאנען.

ווי מען קעמפט אין פאלעסטינע געגען הייִשעריק

טויזענטער ארבייטער מאביליזירט אין קאמף.

(א בריף פון תל אביב).

פאלעסטינע שטעהט הייַיאהר אין געפאַר פון הייִשעריק. ווי בעוואוסט, איז דאס א נע פון די צען מכות, וואס גאט האט אַנגעשיקט אויף מצרים טויזענדער יאהרען צוריק, נו, געפינען זיך, ווייזט אויס, רעשטלעך פון דער דאָזיגער מכה, וואס בעווייזט זיך פון צייט צו צייט אויך אין פאלעסטינע, אז דער הייִשעריק איז א גאסט וואס בעזוכט פאלעסטינע, ווי מען זאגט, א גמאל אין 13 אַדער 15 יאהר — און א גאנץ בעקאַנטע זאך.

עס איז געוואָגט געוואָרען צום קרעדיט פון דער פאלעסטינער רעגירונג, אז זי פיהרט דעם קאמף געגען דעם ביטערען פיינד, דעם הייִשעריק, מיט גרויס ענערגיע און מיט א געוויסען ערפאלג. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען א גאנצע ארמעע, וואס האלט מלחמה טאג און נאכט. אזוי ווי אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווערען אויך דא יעדען טאג ארויסגעגעבען נייע באַפעהלען געגען דעם הייִשעריק. די רעגירונג האט אנגעשטעלט א שטאב פון 60 אַפיצערען און אכט טויזענד סאלדאטען, וואס שטעהען אין קאמפף געגען הייִשעריק. אויסער דעם ווערען מאביליזירט גאנצע דערפער און גאנצע געגענדען אין די מאמענטען ווען מען דאַרף האבען מער אַרבייטער־קרעפטען.

די מיטלען זענען פארשידענע און זיי דארפען צוּפּאַסט ווערען צום דעם פיינד און צו דעם צושטאנד אין וועלכען ער געפינט זיך. אויך די געפאהרען זענען פון פארשידענע סאָרטען. דער הייִשעריק קומט פון דער מדבר, פון דער וויסטע; וועלכע שלאַכט עס ברענגען איהם מייסט מען נאך נישט. עס איז נאך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרען, די היישעריקלעך מאכט נאך אין דער פינסטער איז ווער ניכט.

די געפאהר פון דעם פליהענדען הייִשעריק איז א צווייטראָנגיגע. ערשטענס, ווען ער קומט און בעזעצט זיך אויף א פעלד, עסט ער דערווייל אויף דאס ביסעל גרינס וואס עס איז פארהאן. צוויי האט דער הייִשעריק זעהר שטארקע; ער קען אפילו צוקנאקען די ריגע מאַנדלען וואס געפינען זיך אויף די בוימער, עסען די בלעטער פון די בוימער איז דאך ישוין אונבעוועגט: דאס פארשלינגט ער זעהר לייכט. אבער, צום אַלען בלעטער קען נישט לעבען. יעדער בוים, אז ער בלייבט שטעהען אהן נאקעט, אין בלעטער, איז ער אין געפאהר אַפּצושטאַרבען. יעדער האַריפט ארויסגעבען פון זיך פיל קרעפטען אויף צו בעקומען זיין גרין קלייד, און נישט אלע בוימער האָבען אזוי פיל כחות.

דאס איז די ערשטע געפאהר. עס איז אבער פארהאן א צווייטע געפאַהר: דער פליהענדיגער הייִשעריק ווען ער בעזעצט זיך אויפ'ן באָדען, לעגט ער אייער, און דאס איז נא דא שרעקליכערע צרה. דאס הייִשעריק־ווייבעל ווארפט ארויס א שייטעל אייער בין 92 שטיק, דאס הייסט אז די געפאהר פערגרעסערט זיך הונדערט מאל, ווען פון די אייער קומען א' ארויסקריכען די יונגע הייִשעריקלעך, הויבט זיך ערשט אן דער אמת'ער בראָך.

א פאלקס־ווערטעל זאגט: זיי האבען געגעסען ווי די הייִשעריקען. נאר אויב די גרויסע הייִשעריקען האבען גאר נישט קיין שלעכטען אַפעטיט און זיי עסען אויף אלע גרינס וואס זיי טרעפען, שט גען אַבער די קליינע הייִשעריקען זיי איבער — וואס זענען פרעסערס שבפרעסערס. זיין קריכע אויס פון דעם אייער־שאל מיט א אונגעהויערען אַפּעטיט. זיי דארפען שטאַרק אויף אויסצוּוואַקסען און זייער אַפּעטיט האט גאר קיין ברעג נישט. ער דארף אויסוואַקסען פון א פיצעלע פליגעלע ביז פיר סענטימעטער און מעהר די גרויס, מיט פליגעל און מיט גרויסע פיס, און דעם שטאַרקען דאַרפען אַנדערע פעלדער און גערטנער אהם געבען און לויף פון א כאַנאַט אדער צוויי וואַכען.

אויב דער פליהענדיגער הייִשעריק פערדעקט די זון, טוט דער קליינער הייִשעריק פערפלייצען די ערד. ווען ער הויבט אן ארויסקריכען פון די אייער, איז דאס איינע פון די שרעקליכסטע זאכען — דאס איז א שווארצער טייך. אזוי ווי א וואַסער פערפלייצט ער די פעלדער. ער עסט ווירקליך אויס ווי א פליסיגקייט, ווייל ער בעוועגט זיך. ער קריכט און פרעסט, קריכט און פרעסט. פליהען קען דאס בלעטעל נישט, ווייל עס האט נאך קיין פליגעל נישט, קריכט עס און זוכט שפייז.

די „זוי" פון דעם הייִשעריק איז פון דער נאַטור בעגאַרנט מיט א זעגעלע אויף די הינטערשטע פיס, וואס ווען זי בעזעצט זיך אויף דער ערד, לעגערט זי מיט זייער דורך דעם הארטסטען באָדען, גראָבט אויס א גריבעלע אויף א פינף סענטימעטער אין דער טיף און דארט בעגראבט זי די אייערלעך וואס זי לעגט. זיי דארפען זיך געפינען אויף טרוקענעם באָדען; אויב נעהר נאַסקייט קענען זיי פערפוילט ווערען. זי קען אבער אויך נישט לעגען די אייערלעך פון אויבען אויף דעם באָדען, ווייל דא קענען זיי לייכט פערברענט ווערען פון דער זון און נישט ענטוויקלען קיין הייִשעריקלעך.

די מיטלען צו בעקעמפען זענען דעריבער גאנץ פארשידענע. אום נישט צו דערלאזען דעם פליהענדיגען הייִשעריק ער זאל זיך בעזעצען אויף דער ערד, פלעגט מען זיך בעוצען מיט גאנץ איינפאכע מיטלען. ערשטענס האט מען געמאכט א ליארעם, דאס הייסט, זעהנדיג אז דער הייִשעריק פליהט, קלויבט זיך צונויף דער גאנצער דארף, קלאַפּט אין בלעכען און שרעקט אזוי אַוועק, ער זאל זיך מורא האבען אראפצולאזען אויף דער ערד. דאס ווירקט א ביסעל. אבער מען קען דאך איהם נישט נאכלויפען מיט די בלעכען וואו ער פליהט. ווען ער דערוויטערט זיך א ביסעל פון יענעם, געפינט ער זיך אַנדערש וואו ער בעזעצט זיך, איצט איז אויסגעפונען געוואָרען א נייער מיטעל: מען שיסט אויף איהם מיט א פלאם פייער, און דאס האלט איהם אפּ. אויך שטעהען פאַסטענס ביי די גרענעצען און פיהרען א קריג מיט די פארטיזאנער, וואס קומען איבער פאלען דאס לאנד, און מען לאזט זיי נישט אריין. אבער נאטירליך איז די דאזיגע נאטור־קראפט שטארק גענוג און רייסט דורך דעם פראָנט און קומט אריין אין לאנד. דאן הויבט זיך אן דער קאמף מיט דעם צווייטען פיינד — גענוי, אַדער וואס דער הייִשעריק האט געלייגט אויף דער ערד.

אויב דער שטח, אויף וועלכען דער הייִשעריק האט זיך בעזעצט און געלעגט אייער, איז נישט גרויס, געהען ארויס מענשען מיט עמערס און קלויבען צונויף די אייער. אין מורח־זייט פון ירדן, צום ביישפיל, האט מען צוזאמענגעקליבען 28,359 קילאגראם אייער, אזוי האט מען דארט אויך צוזאמענגעקליבען פון דעם פליהענדיגען הייִשעריק 2747 טאן. אויסער דעם איז פארהאן א מיטעל, וואס מען אקערט אויף דעם פאַרט וואו דער הייִשעריק האט געלעגט אייערלעך, און אויב די אייערלעך ווערען איבערגעאקערט און זיי בלייבען ליגען אויף דער זון, ווערען זיי פערטריקענט און עס וועט קיין יונגער הייִשעריק נישט ארויסקומען פון זיי.

אבער עס איז דאך נישט אזוי לייכט אויפצואַקערען הונדערטער און טויזענטער דונאם באָדען, עס דארף דאך נעהמען צייט; טרעפט געווענליך אפט, אז דערווייל שפּאַלטען זיך די אייערלעך און מען מוז צוזאַמען די קאמף־מעטאָדען צו דעם קריכענדיגען הייִשעריק.

איינע פון די נייע ערפינדונגען, וואס די רעגירונג בענוצט זיך היינטיגען יאהר, איז אזא מין גיפט וואס ווערט געמישט מיט קלייען און ווערט פונאַנדערגעוואָרפען דארט, וואו דער קריכענדיגער הייִשעריק געפינט זיך. זייענדיג זעהר זשעדנע אויף עסען, פערצערט ער דעם גיפט און פאלט אוועק. דאס איז א ביליג מיטעל, וואס איז ערשט אויסגעפונען געוואָרען און ווערט פיל בענוצט. אין קאמף מיט דעם קריכענדיגען הייִשעריק ווערען בענוצט אויך באַריערען. צום קאמף געגען קריכענדיגע הייִשעריקען האט די רעגירונג צוגעגרייט א געוויסען סארט בלעך. ווען דער הייִשעריק איז קליין קען מען איהם פערשטעלען דעם וועג דורך דעם וואס מען גראבט אויס א שמאלען גראָבען ערד. מען שטעלט אוועק די בלעכען און אזוי ווי די בלעכען זענען זעהר גלאַט, קען ער אויף זיי נישט קלעטערען, בלייבט ער ליגען אין דער גרוב וואס מען האט פאר איהם איינגעגראָבען. 80 קילאמעטער אזעלכע בלעכען האלט די רעגירונג גרייט צום קאמף אויף די באַריקאַדען.

י. ש—ן

זעלבסטמארד פון א יודישען לעהרער אין ווילנע.

אין ווילנע האט געמאכט א גרויסען רושם דער זעלבסטמארד פון דעם לעהרער באריס וואלק.

באריס וואלק — א זעהר בעקאַנטער פילאלאג, האט בעהערשט די קלאַסישע און אויך פיל א ראָמאַנישע שפראכען — איז בעקאַנט געווען פון זיין טעטיגקייט אלס לעהרער, סיי פון גימנאזיסטען, סיי פון מאטעמאטיק, אין די ווילנער גימנאזיעס, און שפעטער פריוואט, אין די לעצטע יאהרען האט ה' וואלק געליטען דחקות, און דאס האט איהם געטריבען צום טראגישען שריט. זיין מאטעריעלע לאגע איז געווען אזוי קאטאסטראפאל, אז מען האט איהם לעצטענס עקסמיטירט פון זיין דירה (גר. באַזיליאַנקע 16), וואו ער וואוינט צוזאמען מיט קרובים. דאס האט אויף איהם אזוי געווירקט, אז דינסטאג ארום 12 א זייגער פרי'ה האט ער מיט דער הילף פון א צוזעבונדענעם צום בעט האַרטוך זיך אליין דערשטיקט.

בשעת די הויזקע האבען דאס בעמערקט און אלאַרמירט די „ערשטע הילף", איז שוין געווען צו שפעט. דער געקומענער דאָקטאר האט בלויז קאנסטאַטירט דעם טויט.

דער זעלבסטמערדער האט איבערגעלאזט א לאנגען בריף צו זיין שוועגערין (וואלקס פרוי געפינט זיך איז ראטענפערפאַנד) און ווילכער ער רעכנט אויס זעהר רעטאל, ווי עס זאל ליקווידירט ווערען זיין אינענטום.

פאר'ן תוך פון זעלבסטמערדער, ווי בכלל וואלק, אויף וועלכע דער אומגעריכטער זעלבסט־אויף פאהולאנקע, זאמלען זיך פיל בעאמטע פון ה' מאָר האט געמאכט זעהר א שווערען איינדרוק. פאר'ן טויט איז דער זעלבסטמערדער אריין אין א דערבייאיגער סעלצעך־קרעמעל קויפען פאפּיראָסען. אויף דער פראגע, פארוואס ער קויפט אזוי ווייניק (4 „אזאַנטש") האט ה' וואלק געענטפערט, אז ס'לוינט נישט זיך אנצוגרייטען...

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספּעציעל־ערצט פאר נירן, בלאַז און אורין־קראַנקייט
8 NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אָן פון 4–7 אָוועגד.

דער מארד אין דער נאכט

(12

גרויסער שפּאַנענדער סענסאציאנעלער ראָמאַן

— האט דער הייִמאַן געהאט שונאים ? — דער געהיים־אַגענט פארטגעזעצט.

— אך רעדען, א נישט. — האט דער סעקרעטאר תיכף געענטפערט — הייִמאַנען האבען אלע געליבט.

— ווען האט איהר זיך מיט איהם געזעהען דעם לעצטען מאָל ?

— פרייטאג פיר בייטאג. ער האט מיר געזאָגט, אז ער פאהרט אויף פיר חדשים ארויס קיין אויסלאנד, און ער האט זיך געזעגענט מיט מיר. דער דאָזיגער האט זיין אפוועזענהייט נישט ארויסגערופען קיין בעאונרוהיגונג.

— אין באַנק אפשר, — האט דיקמאַן בעמערקט — אבער אין זיין משפחה ?

— א, אנדערהיים ביי איהם, איי ווארשא האט מען געקאָנט זיין גאנץ רוהיג ! — דאס וואקס ער־קלערט — ער האט זיך געזעגענט מיט דער פרוי, טאַכטער, און גע'אלט פאהרען ערשט פון דאַנען. דעראַטען, אז די פרוי טאכטיאנא איז איבערציינט, אז איהר מאַן איז אצט אין בערלין. אין זיין געווענליכער וואוינונג האט זיין אפוועזענהייט אויך קיינער נישט בעמערקט.

— האט ער געהאט רינערשאפט ?

— עס האט איהם בעריינט דעם סטרוזש'ס משפחה... אבער אזוי ווי ער פלעגט קומען און אוועקגעהען, ווען ס'פלעגט איהם נאר איינפאלען, האט זיך קיינער וועגען זיין אפוועזענהייט אזוי נישט געקימערט.

— הם ! — האט ארויסגעמורמעלט מארטשינסקי — איך פערשטעה... ווייסט איהר נישט, צי האט דער הער הייִמאַן אזעקפּאהרענדיג מיטגענומען מיט זיך א סך געלד ?

— אויף רייזע הוצאות האט ער גענומען מיט זיך הונדערט דאלאר, אבער און וועג האט ער זיך געוועהנליך בענוצט מיט זיין טשעק־ביכעל, דאלטענדיג, אז אין וועג איז עס א סך בעקוועמער, איידער ארומצופאהרען מיט מזומן־געלד.

מארטשינסקי איז פון די ענטפערען משמעות געווען ענטוישט.

ער האט זיך א סך דערוואַרט וועגען דער פערזאן און געוויסע איינזעלהייטען פון דעם דערמארדעטען, אבער ער האט נישט ערטרעקט קיין שום נייעס, וואס וואלט געקאָנט אריינגיסען א שיין אין דער מארד־געהיימעניש.

ער האט זיך שוין געגרייט בעזאַגען וואקס'ן און אליין אוועק, נאר דא האט זיך פלוצים אויפגעשטעלט דיקמאַן, און ארויסגענומען פון טאש דאס בלוטיגע צלם'על.

— אפשר קאָנט איהר מיר זאָגען, וואס דאס איז אזוינס ?

דער סעקרעטאר האט זיך אנגעהויבען צו שטיקען, מוראדיג בלאס געוואָרען, און פער'חלשט אַהערגעפאַלען אויפ'ן שטול.

—:=:—

קאַפּיטעל 7.

די אויספארשונג

דער דאָזיגער־מארד האט, ווי מען האט עס געקענט דערוואַרטען, געמאכט א שטארקען רושם אין לאַנד.

דער חשוב'ער פון אלעמען געאַכטעטער באַנקיר איז דערהרג'עט דורך אן אומבעקאַנטער פרוי, וועלכע איז אין דערוועלבער טראגישער נאכט ערמאָרדעט געוואָרען דורך אן אומבעקאנטען פערברעכער.

די צייטונגען האבען אפּגעגעבען גאנצע זייטען פאר דער דאָזיגער סענסאציע, און דערביי געמאכט פארוואורפען דער פאליציי, וואס איז נישט גענוג האָך אויף די עקען שטאט, און דערלאזט, אז עס זאלען פארקומען אזעלכע מערדערייען...

די רעדאַקציעס האבען בעקומען פיל בריף פון לעזער מיט פערשידענע „פּראַקטישע עצות", ווי צו פאַקען דעם מערדער.

אין אויספארשונגס־אמט זענען אנגעקומען פעקלעך מיט אנאָנימע־פערטע מסירות.

אומעטום, אין די פּראווינץ, אין קאַווארנעס, אין קלובען, אין טעאַטערס האט מען נאר גערעדט און אין רעדען וועגען דעם סענסאַציאָנעלען מארד.

קיין רעאלען נוצען האבען די דאָזיגע רעדעס, וועלכע פערשטענדליך, נישט געבראכט.

די ערשטע געריכטליכע אויספארשונג איז בעשטימט געוואָרען אויף דינסטאג פארמיטאג. — מיט דריי טעג שפעטער, הייסט עס, נאך דעם, ווי דאס פערברעכען איז געווען אנטדעקט געוואָרען.

מארטשינסקי האט ארויסגערופען אלס עדות די דריי דראשקאַשעס, און דיקמאַנען.

אויף זיין אויפפאָדערונג זענען אויך געקומען ליבעסקינד און דער סעקרעטאר וואקס מיט א נערוועזער אויפקלערונג פון דעם, וואו הייִמאַן האט פערבראַכט דעם לעצטען טאג פאר זיין פערשווינדען.

דער געהיים־אגענט האט מיט אזוי ווארט געטאָן אלץ, וואס עס איז געווען פאר איהם מעגליך, כדי צו בעלויכטען די געהיימנישפולע געשיכטע. זיין טרחא איז אבער געווען א בחנם'דיגע.

דער פועל יוצא איז געווען, אז ס'איז נישט געווען וועמען צו בעשולדיגען און וועמען אפילו חושד צו זיין...

שוין לאנג האט פּאָליציי נישט געהאט צו טאָן מיט אזא קרימינעלער רעטעניש.

דער הויפּט־בעווייז, וואס האט געהאט א נעהערע שייכות צו דעם מערדער, וואס דער מערדער האט ביים אנטלויפען איבערגעלאזט, — דער ארבייטער וואס האט געפונען דעם סיידעלע טשיסל'ען נעקעלך, האט איהם איבערגעגעבען דער פאליציי.

הוצ'ן מעסער איז צוגעשטעלט געוואָרען דאס אנגעטונענע פון ביידע קרבנות און די צוויי בלוטיגע צלם'לעך.

די כאַנע אונגעוויסע ערסטע סבורות און השערות האט ארויסגערופען דער יאַנגער ענגער אבער קיין איינע פון זיי האט זיך נישט ארויסגעוויזען צו האבען א שטיקעל ריאלען גרונד.

דער עהה־פערהער האט נישט אריינגעבראכט קיין טראגע ליכט אין דעם געהיימנישפולע פרט מיט זיין באַקרום „פערשטעלטע זיך" אויף זיין פערשיינען אויף טארגאווע גאס, און אויף דער סיבת פונ'ם זאַנעל־מארד.

די ערשטע אויספארשונג האט זיך בעגרעניצט דערמיט, וואס ס'איז אזוי צוזאגען פעסטגעשטעלט געוואָרען דער פאַקט פונ'ם זאַנעל־מארד. ביידע און ס'איז אנגעהויבען געוואָרען א פאר־אורטייל פון „דעם אומבעקאנטען, אדער די אומבעקאנטע מערדער".

(פארזעצונג קומט)

די לאגע פון יודישע טעאטער אין פוילען און רומעניען

טאמאשעווסקי וועגען דער לאדזער זינגערין רוט רענע

א בריף פון פוילען צום ניו־יארקער „פארווערטס“ פון באריס טהאמאשעווסקי

דא אין פוילען קראכט נישט די פערזע, נאר עס קראכען די ציהן פון ציטערענדיגען הונגער. עס דרעהען נישט די רעדער, ווייל זיי האבען נישט וואס צו דרעהען. אפילו די פעדער שלעפען נישט, ווייל עס פעהלט זיי האבער.

א שרעקליכער חורבן הערשט איבער גאנץ איראפע.

איך האב געשפילט אין רומעניען. דארט איז די לאגע, די עקאנאמישע לאגע, נאך ערגער ווי אין פוילען. אין ווין, אין דער שטיקעלע איבערגעבליבענער עסטרייך, איז צרות. אין פאריז — אומגליק. אין בעלגיען — נישט גוט. אין ענגלאנד פיהלט מען נישט אזוי דעם קריזיס ווי דא, אין פוילען. איך וואלט אייך געקענט אנשרייבען גאנצע קאפיטלען, מיט איראפעאישע צרות, הונגער נויט, זעלבסטמארדען. מען הענגט זיך, מען טרינקט זיך, מען ווארפט זיך אין וואסער, אונטער די רעדער פון איזענבאהנען, ווייל עס פעהלט א שטיקעל ברויט דעם הונגער צו שטילען.

איהר ווילט אוודאי וויסען די לאגע פון יודישע טעאטער דא אין איראפע. די לאגע איז א שרעקליכע, א טרויעריגע.

אין רומעניען אמשרעקליכסטע. די יודישע ארטיסטען אין רומעניען וואנדערען אום אפגעריסענע, אפגעשליסענע, אויסגעהונגערטע, אזוי ווי ציגיינער. מען שפילט אין שטאלען, אין קעלערס, אמאל אין א הויף, וואו ס'ליגען אנגעלייגט ליידיגע פעסער פון וויין, שטייגען פון הינער, אלטע עקספרעסען. מען שטעלט צוזאמען א בינע פון ברעטלעך, און אזוי שפילט מען יודיש טעאטער.

דא אין ווארשא איז פערהאן א יודישער ארטיסטען פעראיין, וועלכער איז גאנץ אנגענומעלך ארגאניזירט. דער פארשטעהער איז א זעהר אינטעליגענטער יונגערמאן, אן אדוואקאט. די ארטיסטען זענען פיינע, אינטעליגענטע מענשען. מיט מאנכע איז א פרייד זיך צוזאמענצוקומען.

ווארשא האט דריי יודישע טעאטערן: איין ליטערארישע טעאטערעל, איין אפערעטען־טעאטער, און איין טעאטערעל פון באליטוו'ס סארט. אלע דריי טעאטערען האבען גאנץ קאפאבלע ארטיסטען, צווישען זיי עטליכע גאר גוטע. יעדע אויפפיהרונג ווערט געשפילט מיט געשמאק, מיט ערנסטער רעזשי און שעהנע אויסשטאטונג. אבער דער ווארשאווער עולם קומט נישט אין טעאטער, אבער טאקע גאר נישט... מען שפילט פאר ליידיגע הייזער.

אט בין איך געווען ביי א פארשטעלונג, „דער טויבער“, מיט הירש דוד נאמבערג'ס רעזשי. די ארטיסטען, דאס שפילען, די אויסשטאטונג — אלעס וואונדערליך. אבער דאס טעאטער איז געווען ליידיג. איך האב איבערגעציילט די מענשען אין טעאטער — ביי 85 פערזאן, צווישען זיי א סך אומזיסטע. דאס הארץ האט מיר געבראכען.

5 אין אקטיארען קלוב, און ליטעראטען קלוב, אין פריוואט געשפרעכען מיט שוישפילער האב איך געפרובט ערקלערען די לאגע פון ווארשאווער יודישען טעאטער — פארוואס ווארשאווער יודען קומען נישט אין יודישען טעאטער. מאנכע האבען מיך פערשטאנען, אבער פיל פערשטעהען מיך נאך היינט נישט. און אפשר וועט קומען א צייט וואס זיי וועלען מיך יא פערשטעהען.

איך האב זיי ערקלערט, אז זיי פארוועהן דעם ווארשאווער יודישען עולם מיט טריפה'נע מאכלים; זיי שפילען אמעריקאנישע מעלאדראמעס מיט כאראקטערען פון אויא לעבען, וואס דער ווארשאווער יוד פערשטעהט זיי נישט, קאן זיי נישט. קוקט ער פרעמד אויף דער בינע, אויף די מענשען וואס מען שטעלט אהין פאר. מען רעדט האלב ענגליש. און וואס עס ווערט פון דער ענגליש ביי די ווארשאווער ארטיסטען, זאל זיי גאט מוחל זיין.

די יודען אין ווארשא וויסען נישט פון אמעריקאנישע מעלאדראמאטישע כאנעריקעס. דערצו קריגען זיי נישט די אריגינעלע פיעסעס. עפעס א חברה אין ניו יארק פאטשקעט אן פיעסעס וואס זיי זעהען אין יודישען טעאטער און שיקען עס צו זייערע קרובים, און מען פערקויפט די דאזיגע מאכעריקעס פאר עטליכע זלאטעס. איך שיקט מען צו נערוועזע לירלעך מיט די נאטען וואס די טעאטערס גיבען ארויס און מען ווארפט אהיין די לידלעך אין אלע פיעסעס — צי עס פאסט זיך, צי עס פאסט נישט. און ווען עס קומט אן אמעריקאנער ארטיסט קיין איראפע, טרעפט ער זיין גאנצע מוזיק שוין אפגענוצט, זיינע פיעסעס שוין אפגעשפילט.

און אזוי האט'עוועט מען דעם עולם. און מען האט איהם אזוי לאנג געראטעוועט, ביז ער האט זיך זאט אנגעגעסען און בעקומען א שלעכטען מאגען, און געהט נישט מעהר אין יודישען טעאטער.

און די לאגע פון לאנד און הערבסט איז א שרעקליכע — און אזוי איז הערוויל די לאגע פון יודישען טעאטער אין ווארשא.

פרעגט איך ביי די ווארשאווער ליטעראטען: קינדערלעך, וואס שרייבט איהר נישט עפעס פאר'ן יודישען טעאטער? איהר וועט דאך אייער סחורה קענען פערקויפען אין אמעריקע, אויב איהר וועט דא האבען קיין פאל.

ערקלערען זיי מיר, אז זיי לוינט נישט צו שרייבען יודישע פיעסען פאר ווארשאווער טעאטערן.

* * *

דערוויל האב איך זיך צוגעקוקט צו ארטיסטען, וועלכע קענען טויגען פאר'ן יודישען טעאטער אין ניו־יארק. דאס יודישע טעאטער אין ניו־יארק דארף האבען אלע מאל פרישע כוחות. און נישט נאר דאס יודישע — אלע טעאטערען איבער דער גאנצער וועלט זוכען אלע מאל נייע ארטיסטען, נייע בלוט, נייע קרעפטען אנצוהאלטען דעם עולם.

איך האב בעשלאסען צו קומען אהיים, אבער נישט מיט ליידיגע הענט. און איך ברענג מיט מיר די אמת'ע עסתורה. איך האב אלע מאל געבראכט דאס פעסטע. אבער היינטיגעס מאל — צאצקעס, אמת'ע בריליאנטען, גוט און שעהן געשליפענע געקליבענע, פערלדיגע ארטיסטען.

פריילין רוטה רענע איז א לאדזער יודישע טאכטער פון פרומע עלטערען. דער פאטער לערנט נאך היינט צוויי מאל א טאג אין בית המדרש, דאווענט און זיצט יום ולילה איבער תלמוד ופוסקים. ער האט נאך בית היינט נישט געזעהען זיין געראטענע טאכטער אויף דער בינע.

רוטה רענע האט געענדיגט קאנסערוואטאריום אין ווין; און איז אנערקענט געווארען אלס בערימטע סאפראניסטין און געשפילט אלע אפערעס אין גאנץ דייטשלאנד. איצט האט זי בעשלאסען צו פאהרען מיט מיר קיין אמעריקע צו שפילען אויף דער יודישער בינע. דערוויל שפילט זי מיט מיר אויף וועג און גרייט זיך צו איבערראשען אמעריקע.

מיר האבען אין אמעריקע גוטע זינגערינס. אבער רוטה רענע איז ווירקליך אן איבערראשונג. א הויך געשולטע שטימע און מיט אינסטרומענטאלישען קלאנג. מיר האבען נאך אין אמעריקאנער יודישען טעאטער אזא קאלאסאלע זינגערין נישט געהאט. און איבערהויפט אזא ערשט־קלאסיגע ארטיסטין און אינטעליגענטע ארטיסטין, מיט אמת'ער נאטירליכקייט סיי אין זינגען, סיי אין שפילען.

זי וועל דורכאו'ס אויפטרעטען אין „קאוואלעריא רוסטיקאנא“ אויף יודיש. זי האט שוין די אפערא איבערזעצט אויף יודיש. איך האב איהר צוגעזאגט, אז איך וועל איהר וואונש ערפילען. איך וועל צוזאמענשטעלען אן אפערע, אנסאמבל. און דענק, אז איך קען דאס אין ניו־יארק לייכט אויספיהרען.

ליבעסבעציהונגען פון א 35־יעהריגער פרוי מיט א 16 יעהריגען בחור

אין ווילנער „אבענד־קוריער“ לייענען מיר: אין שטעטעל יאראוזע טומעלט זיך איצט שטארק מיט פאלגענדער סענסאציאנעלער געשיכטע:

פישערס האבען ארויסגעצויגען פון טייך 2 טויטע קינדער, פון אויסזעהן א צווילינג. פאליציי האט אנגעהויבען אן ענערגישע אויספארשונג און אט וואס עס האט זיך ארויסגעוויזען.

די ארטיגע יודישע 35־יעהריגע פרוי וו. וועטענגם מאן עס געפינט זיך אין אמעריקא, האט לעצטענס געהאט אינטימע בעציהונגען מיט'ן זוהן פון איהר שכן, דעם 16־יעהריגען לייבעל, א חסידיש יונגעל, וואס איז געזעסען און געלערנט אין בית־המדרש.

די טעג האט פרוי וו. געבוירען פון איהר 16־יעהריגען ליבהאבער א צווילינג — ביידע יונגלעך, וועלכע מ'האט טאקע געפונען טויטערהייט אין טייך.

פאליציי האט ארעסטירט דער פרוי.

דער יונגער ליבהאבער לייבל איז הייליגען טאג פערשוואונדען געווארען פון שטעטעל. פאליציי האט פונאנדערגעשיקט נאך איהם שטעקבריף.

פרוי צוגעגעבען, אז די פרוי פלעגט פון איהר מאן אין אמעריקא בעקומען יעדען חודש 50 דאלאר און זומער האט זי שוין געזאלט צו איהם אפפאהרען קיין אמעריקא.

יענטע ווײנט

(נישט קיין שטיפעריי)

פון ב. קאוונער

יא, יענטע, מיין יענטע, יענטע טעלעבענדער, האט איינמאל געוויינט.

שטעלט זיך פאר: יענטע'ן איז מען געוואוינט צו הערען שרייען, שעלטען, יאגען, בערידען די תלמידי, די שכנים, דעם מאן — אבער נישט וויינען.

און דאך האט זי געוויינט; געוויינט ווי א מאמע קען נאר וויינען.

און שולדיג איז איהר וויינען איז דער שפאגעל־נייער יום־טוב:

„דער טאג פון דער מוטער“.

דאס איז א יום־טוב, וואס קינדער דארפען וויסען אז זיי האבען א מאמען, האבען זיי.

אז א מאמע דארף מען ערהאלטען, רעספעקטירען, אפגעבען כבוד, פאלגען.

א קליינקייט א מאמע!

אז דען פארדאו אין די שפראכען פון דער וועלט א שענערער ווארט, א הייליגערער ווארט ווי „מאמע“? ניין! ס'איז נשמה און סוועט נישט זיין!

דער וואס האט אויסגעטראכט דאס ווארט: „מאמע“ איז געווען און וועט בלייבען דער גרעסטער דיכטער פון אלע דיכטער; דער גרעסטער קאפ פון אלע קעפ!

האט מען עס איינגעפיהרט — אט א דעם יום־טוב: „טאג פון דער מוטער“.

און דעם טאג דארפען קינדער קומען צו זייערע מאמעס און ווינשען גליק און לאנג לעבען און זיי ברענגען מתנות, און זיך צוקושען מיט זיי, ווי עס פאסט פאר קינדער.

אזוי דארף זיין און אזוי מוז זיין און אזוי וויל מען עס זאל זיין.

און ביי אנדערע עלטערען איז טאקע אזוי. למשל: ביי דער מאדאם עטינגער איז עס געווען א בריליאנטער יום־טוב.

אלע איהרע קינדער זענען געקומען צו איהר געוואונשען גליק און לאנג לעבען און זיך צוקושט מיט איהר און איהר געבראכט מתנות:

איין קינד האט איהר געבראכט א זיידענע שאל, א צווייטע טאכטער האט איהר געבראכט א יאריא; איין זוהן האט איהר געגעבען א בוקעט רויזען, לעבעדיגע, שמעקענדיגע רויזען, און נאך א זוהן האט איהר געגעבען 6 פאר זיידענע זאקען.

האט זיך יענטע מיינע אויך געריכט אויף אזא יום־טוב.

זי האט זיך פארגעשטעלט, אז אויך איהרע קינדער און די איניקלעך, און די שנור, און דער איידים וועלען קומען איהר ווינשען גליק, זיך צוקושען מיט איהר, איהר ברענגען שעהנע פרעזענטען.

און זי האט זיך פארגעשטעלט, אז מאלע און איהר איידים וועלען איהר ברענגען א פיינע מתנה.

און פיניע וועט ברענגען א צוויי פאר גוטע שיך, און פייוועל און איזיק.

אט אזוי א האט איהר פאנטאזיע געמאלען דאס בילד.

און יענטע, מוז איך אייך זאגען, האט אפטמאל א רייכע פאנטאזיע. איהר פאנטאזיע האט פיער פאר פליגלען. זי פליהט העכער ווי די וואלקענס, העכער ווי דער הימעל.

און אט איז זונטאג פריה. דער טאג פון גרויסען יום־טוב.

יענטע שטעהט אויף פריהער ווי אלע טאג. זי איז עפעס אומרוהיג.

די מאדאם עטינגער שלאפט נאך איצט, זי איז נישט אזוי געהוועז; איהרע קינדער וועלען אנדערש ערצוגען; זיי האבען פיינערע געפיהלען, איידעלע; זיי בעגרייפען און פערשטעהען דער מאמעס ווערטער.

זיי און די מאמע וועגען אין וועלט, אין הארץ, אין נשמה. אין גוף. פערשטעהען זיך, בעגרייפען זיך.

יענטע איז אלע מאל מקנא דער מאדאם עטינגער מיט איהרע קינדער.

די קינדער פערשטעהען די מוטער און די מוטער פערשטעהט די קינדער.

זיי רעדען די זעלבע שפראך: פויליש, האבען די זעלבע אידעאלען.

אבער ביי אונז אין הויז לעבען דריי בעזונדערע וועלטען אונטער איין דאך:

איך רעד אנדערש ווי יענטע, און יענטע רעדט אנדערש ווי איך, און די קינדער רעדען אנדערש ווי מיר ביידע.

נישט איך טראכט ווי יענטע, נישט יענטע טראכט ווי איך, נישט די קינדער טראכטען ווי מיר ביידע.

א מין דור הפלגה!

א צומישעניש אין לשונות, אין בעגריפען, אין געדאנקען...

דאך... דאך האט יענטע געמיינט, אז דער יום־טוב וועט אלץ אפמעקען, אויסגלייכען.

דער טאג וועט זיין אנדערש ווי אלע טעג פון א גאנץ יאהר.

אז די אויפגעשטאנען פארטאג, ווען גאט דאס נאך געשלאפען, איידער די זון האט זיך נאך דערוואכט, און זיך אויסגעפוצט אין איהרע בעסטע קליידער, אפגעגעסען אנבייסען און זיך אוועקגעזעצט ביי'ם פענסטער ארויסקוקען, טאמער, טאמער וועט זיך בעווייזען א קינד איהר ווינשען גליק, איהר א קוש טון. און אפשר וועלען זיך בעווייזען אלע קינדער?

מ'טו וואס איז זי ערגער ווי די מאדאם עטינגער?

און אז. אפילו נישט אזוי, און וואס? א מאמע איז א מאמע! צי זי הייסט יענטע, צי זי הייסט גיטעל, צי רחנה עטעל.

אז זי איז אזוי געזעסען און געטראכט און פאנטאזירט וועגען דעם גרויסען יום־טוב, ערווארטענדיג די קינדער מיט דייער היסער ליבע צו איהר און די גאנצע פרעזענטען, די בלומען, די וואונדערע קושען, מ'טו איז שוין 11־אזייגער און 12 און 2 נאכמיטאג. שאטשעל, ווי אויף א הייליג ארט! ווי זי, יענטע, וואלט ק'יינמאל קיין קינד נישט געהאט, קיין מאמע נישט געווען; ווי זי וואלט געווען א שטיין אין דער מדבר.

יענטע האט געגומען זיפצען...

איך האב איהר נישט געוואלט שטערען, נישט טרייסטען; איך האב זיך געטראכט: מן הסתם, אז זי זיפצט, ווייל זי דארף זיפצען; האט זי דאך פערגעניגען פון דעם; אז נישט, וואלט זי דאך נישט געזיפצט!

האב איך איהר נישט געטשעפעט.

אירום דריי א זייגער איז שוין דאס זיפצען איהרס געווען טיפער און געדיכטער.

אירום פיר א זייגער האט זיך בעוויזען די מאדאם עטינגער מיט א פרייד, מיט א שמחה, א שיינענדיגע:

— פרוי טעלעבענדער, זייט אזוי גוט און קומט אריין צו מיר, איך וויל אייך ווייזען די פרעזענטען, וואס מיינע קינדער האבען מיר געבראכט.

און די נעמט. דערהייל אויסרעכענען די ארטיקלען און איהר פנים שטראהלט.

שא!

דער טעלעפאן קלינגט ביי אונז!

יענטע'ס פנים לויכט אויף; איהר הארץ טוט א פלאטער; אפשר פון די קינדער? אפשר?

זי נעמט דאס טרייבעל אין האנד: האלא, האלא, ווער איז דאס? מאלע? וואס הילסטו? איך הער נישט... איך זאל דיר ארויסשיקען 50 דאלאר... הא? הונדערט און דרייסיג? דארפסט האבען געלד? פאר וועמען? פאר פיניען? וואס איז דער מעהר מיט פיניען? ער האט געקויפט פאר זיין ווייבעל א רינג, פעהלט איהם אויס הונדערט און פופציג דאלאר? ווילסטו איהם לייהען דאס געלד? וויפיל קאסט דער רינג? זעקס הונדערט מיט פופציג. שעהנע, ועדער שעהן! און פאר דער מאמען האט ער אפילו נישט געקויפט פאר א גראשען ווערט... נישט ער, נישט דו... נישט קיינער... ווי איך וואלט גאר קיין מאמע נישט זיין...

און יענטע האט נישט געענדיגט דעם געשפרעך מיט איהר מאכטער. זי האט זיך שטארק צוויינט...

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

זונטאג 8 יב סיון תר״ץ

יוני
זון-אויפגאנג 3.17
זון-אונטערגאנג 7.52

באנקראטען און פראלאנגאציעס
טעגליכע כראניק פון האנדעלס=געריכט

אין פעברואר פון ל. י. האט ה׳ אברהם בושעזשינסקי, מאנופאקטור סוחר, ליפאווא 20 איינגעגעבען א בקשה אין האנדעלס־געריכט מעגען א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען. אזוי אבער, ווי ה׳ בושעזשינסקי האט אין דער צייט פון דער פראלאנגאציע נישט בעוויזען צו סאנירען זיין אונטערנעהמונג, האבען זיינע קרעדיטארען זיך געווענדעט אין געריכט מיט א בקשה צו ערקלערען בושעזשינסקין באנקראט.

דער באנקראט פון בושעזשינסקי איז דורכ׳ן געריכט בעשטימט פונ׳ם 29. מאי. אלס ריכטער־קאמיסאר איז בעשטימט ה. ר. דור פאבריקאנט, אלס קוראטאר — אדוו. אסקאנאס.

* * *

א בקשה וועגען פראלאנגירען די אפצאהלונגען האט איינגעטראגען די פירמע „ש. לאנדוי און שותפים“, פילסודסקי־וואס 69. די פירמע איז אנגעגעבען פון ש. לאנדוי און ל. גליקסמאן. דער בילאנס איז געשלאסען מיט דער סומע 700 טויזענד זל. די אונבעוועגליכקייטען, וועלכע געהערען די שותפים, אבער נישט דער פירמע, זענען אנגעוויזען אין בילאנס פאר 280,000 זל.

* * *

דעם 18. פעברואר האט בעקומען א פראלאנגאציע פון די אפצאהלונגען די פירמע „מאיר שטראוך“, פערקויף פון האלב־זיידענע און האלבוואלענע אויסארבייטונגען, ציגעלנאס 38. אזוי ווי די פירמע האט צוליב דעם קריזיס און ווירטשאפטליכען לעבען נישט געקענט אויסצאהלען אין דער צייט פון דער פראלאנגאציע איהרע חובות האט זי זיך געווענדעט צום געריכט וועגען ערלויבען א רעגולאציאנס־אפמאך מיט די קרעדיטארען. די פירמע לעגט פאר אפצוצאהלען 50 פראצ. פון די חובות אין משך פון 2 יאהר אין 4 ראטען. דאס געריכט האט ערלויבט דער פירמע צו עפענען א רעגולאציאנס־אונטערהאנדלונגען.

* * *

דעם 3־טען מאי האט דאס געריכט ערקלערט באנקראט די פירמע „משה יעקב פייערשטיין“, אלטשטאט 3. די באנקראטירטע פנחס און פערל פייערשטיין האבען אריינגעטראגען א רעקורס געגען דעם אורטייל. דאס געריכט האט דעם רעקורס אין אכט נישט גענומען און בעשטעטיגט דעם אורטייל מעגען באנקראט.

* * *

אויף דער שבת׳דיגער סעסיע האט דאס האנדעלס־געריכט בעהאנדעלט א ענין, וועלכער ציהט זיך נאך פון די רוסישע צייטען.

א בעוואוסטער אין לאדז, סוחר ה׳ טעמפעל, האט אין דער אפטיילונג פון דער רוסישער „וואלסקא־קאמסקי“ באנק געהאט א לאמבארד־קרעדיט. אלס משכון האט ער אפגעגעבען א רייה פערשידענע אקציעס, וועלכע מען האט אבער אין אנאפמאך נישט נאטירט לויט די נומערן, נאר אנגערופען לויט׳ן ארט און צאהל. כדי צו פערזיכערען דעם ה׳ טעמפעל דאס רעכט און גלייכצייטיג נישט פערשווערען דעם באנק אדורכצופיהרען מיט די אקציעס פערשידענע אפעראציעס.

די אקציעס זענען נאכדעם דורכ׳ן באנק אַרויסגעפיהרט געווארען קיין רוסלאנד, וואו זיי זענען קאנפיסקירט געווארען ביי דער נאציאנאליזאציע פון די בענק דורך די באלשעוויקעס.

דער האויגער ענין איז נישט בעריהרט געווארען ביז׳ן יאהר 1928, ווען דער מלוכה־פראקוראטור האט געגרינדעט א ספעציעלען קאמיטעט צו ליקווידירען דאס פערמעגען פון די געוועזענע רוסישע [illegible] פערמאגען אין דא האט דער בעשטימטער ליקווידאטאר פון „וואלסקא־קאמסקי“ באנק אויפגעמאנט [illegible] חוב פון דער באנק ה׳ טעמפעל, ער זאל אפגעבען די געלדענע אין באנק סומע 700,000 רובעל, אדער איבערגערעכענט — 280,000 זל.

נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען האט דאס געריכט בעשלאסען די פרעטענזיעס פונ׳ם ליקווידאטאר אפצעווארפען. אין די מאטיווען פונ׳ם אורטייל ווערט אנגעוויזען, אז טעמפעל האט מיט׳ן באנק געשלאסען צוויי אפמאכען: די באנק האט געגעבען טעמפעלען א קרעדיט, און די באנק האט בעקומען א דעפאזיט, נישט קיין משכון נאר אקציעס, מיט וועלכע די באנק האט געקענט מאכען פערשידענע טראנזאקציעס, אזוי, אז די באנק איז געווארען די בעל־הבית איבער די אקציעס, און אלס בעל־הבית איז די באנק און נישט טעמפעל פעראנטווארטליך פאר דעם געשעהענעם, וועלכעס קען דער האנדעלט ווערען אלס העכערע קראפט... אזוי ווי די באנק, וועלכע איז פעראנטווארטליך פאר׳ן דער פאויט קעהרט אהם נישט צוריק, האט ה׳ טעמפעל נישט דעם פליכט צו צאהלען זיין חוב.

* * *

דער צווייטער ענין, וועלכער איז בעהאנדעלט געווארען אויף דער סעסיע פון האנדעלס־געריכט גרייכט האט יאהר 1925, ווען די צוקער־פאבריק „לעשמיערזש“ האט איינגעטראגען א בקשה וועגען באנקראט. ווי באלד די סינדיקען פון דער באנקראט־מאסע האבען אנגעהויבען אויספערקויפען דעם צוקער־זאפאסען, האט די באנק פון צוקערוואטן אין פוזען אריינגעלעגט א וועטא אויף דעם נוגה, אז לויט אן אפמאך מיט דער צוקראווניע איז דער באנק געקומען 150 וואגאן צוקער פאר 250,000 זל. דער ענין שלעפט זיך פון דעמאלט אן.

הערוויל האט דאס געריכט בעהאנדעלט דעם בעריכט פון די עקספערטען. פון דעם בעריכט איז צו זעהען, אז דער פוזנער באנק קומט נאר [illegible] טויזענד זלאטים.

* * *

אויף דער האינגער סעסיע פונ׳ם האנדעלס־געריכט איז אויך ערקלערט געווארען באנקראט א געוויסער יחיאל ליבערמאן, פאמארסקא 19, אויפגעהאלטן פון דער פירמע „קאפיל גלאטער“, דער באנקראטירטער ליבערמאן איז געווען שולדיג דער פירמע „גלאטער“ 400 דאלאר פאר מאשינען צו טריקאטאזש אויסארבייטונגען. דעם 15. אויגוסט 1929 האט ליבערמאן אויפגעהערט צו צאהלען זיינע וועקסלען, ליקווידירט זיין געשעפט, בעהאלטען און אויסגעפיהרט די געקויפטע מאשינען און סחורות.

דאס געריכט האט ערקלערט ליבערמאנען, באנקראט פונ׳ם 15. אויגוסט. אלס ריכטער־קאמיסאר בעשטימט דעם האנדעלס־ריכטער מעטשיסלאוו הורוויטש, אלס קוראטאר אפל. ריטשארד פאנאש.

ליבערמאנען, אלס בייוויליגען באנקראט האט דאס געריכט בעשלאסען אריינצוזעצען אין ארעסט פאר די בעל־חובות.

ווער שטעלט זיך היינט
צו די פאבאר=קאמיסיעס?

היינט און מארגען צוליב די גרינע חגאות אמטירען די קאמיסיעס נישט.

דינסטאג דארפען זיך שטעלען פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 1, אויף זאקענטנא 82, די מענער פון יאהרגאנג 1909, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פונ׳ם 8־טען פאליציי־קאמיסאריאט, און זייערע פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן אויף די אותיות

D E F G

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 2, אגרעדאווע 34, דארפען זיך שטעלען די מענער פונ׳ם יאהרגאנג 1909, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פון 12־טען פאליציי־קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן מיט די אותיות

P R S T U W Z

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 3, אלעיע קאשטשושקי 21, דארפען זיך שטעלען אלע מענער פון קאטעגאריע B פון יאהרגאנג 1908 וואס וואוינען אין 5־טען פאליציי־קאמיסאריאט

G H I J K

די פאבאר־קאמיסיעס הויבען אן אמטירען 8 א זייגער אין דער פריה. די פאבאר־פליכטיגע דארפען זיך שטעלען מיט די פערזענליכע דאקומענטען, אדער צייגנישען, ארויסגעגעבען דורכ׳ן פאליציי־קאמיסאריאט, וועלכע בעשטעטיגען די אידענטישקייט פון דער פערזאן מיט די מיליטער־אדמיניסטראציע צייגנישען. וועלכע זענען אויסגעשטעלט דורכ׳ן מאגיסטראט פון לאדז.

רעזערוויסטען וועלכע געהען אויף איבונגען
דארפען זיך נישט אויסמעלדען פון דער מיליטעריש=פאליציי׳אישער ביורא

(2) די מיליטעריש־פאליצייאישע ביורא ביים מאגיסטראט איז מודיע, אז לויט דער אויפקלערונג פון אויסערן־מיניסטעריום, דארפען זיך נישט אויסמעלדען אין דערמאנטען ביורא, די רעזערוויסטען וועלכע ווערען גערופען אויף איבונגען און זענען שטענדיגע איינוואוינער פון לאדז. די זעלבע דארפען זיך אויך נישט איינמעלדען אין דער ביורא פיעטרקאווער 213, ווען זיי קומען צוריק פון די איבונגען און בלייבען ווייטער וואוינען אין דער זעלבער וואוינונג.

היינט און מארגען זענען אלע אמטען געשלאסען

צוליב די גרינע חגאות וועלען היינט אלע אמטען זיין געשלאסען. מארגען מאנטאג וועלען אמטירען נאר די פאסט פון 9 ביז 11 אינדערפריה און אין דער קראנקען־קאסע וועלען זיין דיזשורען אויפ׳ן פאל פון א פלוצים־קראנקהייטען.

א פערבאנד פון סעזאן=ארבייטער

(2) נעכטען איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון אלע שטאטישע סעזאן־ארבייטער, וועלכע געהערען ביז איצט צו 5 פעראיינען.

די פערזאמלונג האט בעשלאסען צו בילדען אן אייגענעם פעראיין. עס איז באלד געוועלט געווארען א פערוואלטונג.

א גרויסער באנקראט

(ב) פון ווילנא איז אנגעקומען א ידיעה, אז דארט האט באנקראטירט די פירמע גארדאן, וועלכע עקזיסטירט שוין 100 יאהר.

לאדז האט פון דעם באנקראט שטארק געליטען.

קאנפערענץ מיט הויז=בעזיצער וועגען קאנאליזאציע
הויז=בעזיצער שטעלען פאדערונגען דעם מאגיסטראט

אונטערן פארזיץ פון וויצע - פרעזידענט ראפאלסקי איז פארגעקומען א קאנפערענץ מיט די הויז־בעזיצער וועגען אנשליסען די הייזער צו דער הויפט קאנאליזאציע - נעץ.

וויצע - פרעזידענט ראפאלסקי האט זיך אין זיין איינפיהר רעדע געווענדעט צו די פארשטעהער פון די הויז־בעזיצער־פעראיינען, אז זיי זאלען צוליב דער שווערער ווירטשאפטליכער סיטואציע און ארבייטסלאזיגקייט אריינטראגען א געוויסען קאפיטאל צו דער סומע פון 1 מיליאן זל., וועלכע די רעגירונג האט אסיגנירט אויף קאנאליזאציע - צוועקען, כדי צו געבען די מעגליכקייט צו בעשעפטיגען א גרעסערע צאהל ארבייטסלאזע.

ה׳ בארטשאק ווייזט אן, אז לויט דער פעראָרדנונג פון מאגיסטראט, דארפען דאס יאהר איינגעשלאסען ווערען אין דער קאנאליזאציע - נעץ 393 הייזער צווישען די צוויי און זיבעציג הילצערנע און דאס דארף קאסטען מינימום 500 טויזענד זל. אזוי אז דער 1 מיליאן רעגירונגס־ הלואה וועט מיט קיין זאך נישט ארויסהעלפען די הויז־בעזיצער. דער רעדנער לעגט פאר צו בעפרייען די אינהאבער פון די קליינע הילצערנע הייזלעך פונ׳ם פליכט אריינציהען אין דער קאנאליזאציע - נעץ.

ה׳ העלמאן ווייזט אן, דאס צוציהען די הייזער אין דער קאנאליזאציע - נעץ איז פערשטענדליך אין דעם פאל ווען דער ארייגעלעגטער, אין דער ארבייט, קאפיטאל, זאל ברענגען עפעס נוצען. דער ראזנער עניין דארף רעגולירט ווערען אויף דעם אופ׳ן, אז א בעל - הבית וועלכער לעגט אריין געלד אין דער קאנאליזאציע, זאל הערפאר בעקומען עפעס א פערגיטיגונג.

ער לעגט דעריבער פאר, אז די באלעבאטים פון די הייזער, וועלכע וועלען שוין צוגעציגען ווערען צו דער קאנאליזאציע - נעץ, זאלען צאהלען א קלענערען קאמונאלען שטייער ביז 25 פראצענט אין משך פון 10 יאהר.

ווייטער לעגט ה׳ העלמאן פאר צו בילדען א ספעציעלע שאצונגס - קאמיסיע פון פארשטעהער פון הויז - בעזיצער, וועלכע זאלען פעסטשטעלען, וועלכע הויז - בעזיצער עס זענען נישט אומשטאנדע אויף אייגענע קאסטען אדורכצופיהרען די קאנאליזאציע פון זייערע הייזער.

אז ביי אונטערהאנדלונגען וועגען אן אויסלענדישער הלואה אויף קאנאליזאציע - צוועקען, און דער אז אנדערע וויכטיגע פראגען וועגען קאנאליזאציע, זאל דער מאגיסטראט האלטען אן ענגען קאנטאקט מיט די הויז - בעזיצערס.

די אלע אויבענדערמאנטע פארשלאגען זאלען בעהאנדעלט ווערען אויף דער נאהענטסטער זיצונג פון מאגיסטראט. אין נאכדעם אויף א ספעציעלער קאנפערענץ מיט די הויזבעזיצער, וועלכע וועט צוזאמענגערופען ווערען כדי צו בערעדען די דאזיגע פראגע.

צוזאמענפאהר פון פסיכיאטארן

נעכטען 11 א זייגער איז אין זאל פון שטאט־ראט פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון 10 צוזאמענפאהר פון פוילישע פסיכיאטארען.

אין נאמען פון דער שטעטישער מאכט האט א בעגריסונגס־רעדע געהאלטען דער לאווניק — פארזיצער פון געזונדהייטס־אפטיילונג ד״ר אלעקסאנדער מארגוליס.

TEATR MIEJSKI
Cegielniana 63.

גאסטשפילען פון רוסישען דראמאטישען טעאטער
(איינציגער שטענדיגער אנסאמבל אין אויסלאנד
מיט דער רעזידענץ אין ריגא)

היינט, זונטאג 8 יוני, 8.30 נ״מ **קאמעליען־דאמע**
דראמע אין 4 אקטען פון אל. דומאס

8.15 אוונט **דער מענש מיט דער טעקע**
פיעסע אין 5 אקטען פון ט. פאקא פונ׳ם לעבען פון דער אינטעליגענץ אין אינצטיגען רוסלאנד.

מאנטאג דעם 9. יוני ד. י. 8.15 אוונט
פערברעכען און שטראף
פיעסע אין 10 בילדער פון פ. דאסטאיעווסקי.

דינסטאג 8.30 אוונט **זאיקא׳ס וואוינונג**

מיטוואך, דעם 11־טען יוני ד. י.
לעצטע געזעגנונגס־פארשטעל!

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

3 לעצטע געזעגנונגס־פארשטעלונגען פון **מאריס לאמפע**

היינט, זונטאג, ד. 8־טען, מאנטאג, ד. 9־טען, דינסטאג, ד. 10־טען, 9 אוונט

די בייסטע אויפפיהרונג פון מאריס לאמפע
הונדערטער מענשען זענען אוועק, נישט בעקומענדיג קיין בילעטען.
סענסאציאנעל! אנציהענד! שפאנענד!
כדי צו געבען די מעגליכקייט אלע צו בעזוכען די שענע, אינטערעסאנטע אויפפיהרונג, ווערט געשפילט
אלע פארשטעלונגען צו פאלקס־פרייזען פון 1 ביז 3 זל.
אויפן וועג קיין בוענאס=איירעס
(דאס לעבען פון דער אונטערוועלט)
אין 3 אקטען מיט געזאנג פון רייזעלמאן.

1. בילד: ביים רויטען לאמטערן
2. „ דאס לעבען פון דער אונטערוועלט
3. „ דער האנדעל מיט לעבעדיגע סחורה
4. „ די מאמע פערקויפט איר טאכטער
5. בילד: אין נעץ פון זינד
6. „ די שרעקליכע שמראה
7. „ די נקמה פון דער פרוי
8. „ דער וועג צום עהרליכן לעבען

פאר קינדער שטרענג פערבאטען!

ס׳נעהמען אנטייל (לויט א.ב.) פרויען: בעזמאן, דיכטענבערג, לובראווסקא, נערה, פאדערמאן, מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, הערשקאוויטש, וו. נייהויז, פאלאנסקי.
מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן. בילעטען ביי דער קאסע פון טעאטער.

אונגעוועהנליכע פרייד פאר קינדער.
ויס דער טראדיציע פון אלע יאהרען, ארדענט זיין די פאָלקסשולע שולע 127, וועלכע געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען פעדאגאג ה׳ גינצבורג היינט, 11 א זייגער פריה אין שטאטישען טעאטער — די
שול־פייערונג פון די שול־קינדער
דער פראגראם בעשטעהט פון געזאנג, טענץ און דראמאטישע לעגענדע „דאס הויכעל“.

לאדז ווערט ווידער בע׳עולה׳ט

ווי מיר דערוויסען זיך זאל לאדז בעקומען פון דער בוי-הלואה נאך 3,000,000 זל. דאס ענטגילטיגע פערטיילען פון דער הלואה איז אבער נאך נישט פארגעקומען, ווען עס זאל זיך ארויס-ווייזען, אז לאדז איז פאקטיש אזוי בע׳עולהט אין דער חינזיכט וועט דער שטאט-ראט אנגעמען די ענטשפרעכענדע שריט צו א בערוועגירען אין מי-ניסטעריום און פאדערן א גרעסערע סומע פון דער הלואה אויף בוי-צוועקען.

דינסטאג ווערט דאס קרייז-געריכט איבערגעצויגען אין נייעם-בנין

(2) דינסטאג ווערט שוין דאס קרייז-געריכט איבערגעצויגען אין נייעם בנין אויף דאמבראווסקא פלאץ. דינסטאג ווערט איבערצויגען די קאנצע-לאריע פון געריכט-פרעזעס. מיטוואך — דער פרא-קוראטארן אמט און די קאנצעלאריע פון די אויס-פארשונגס-ריכטער. דאנערשטאג—די פערטע שטראף-אפטיילונג.

דעם 17 יוני — די ערשטע ציוויל-אפטיילונג און די קאסע. דעם 18 יוני — די 5 שטראף אפ-טיילונג, 20 יוני — די צווייטע ציוויל-אפטיילונג. דעם 31 יוני — די האנדעלס-אפטיילונג.

עטינגאן האנדעל מיט די סאוויעטען

(ב) די סאוויעטישע האנדעלס-מיסיע האט געשטעלט ביי דער פירמע עטינגאן 7 טויזענד שטיק מאנופאקטור.

די פירמע עטינגאן האט דערפאר בעקומען אין לייפציג א גרויסען טראנספארט פוטער פון די סאוויעטישע אונטערנעמונגען.

א בעסטיע

מאנם געווען א 10 יעהריג מיידעלע

דער זשגאווער פאליציי האט זיך איינגעגעבען צו ארעסטירען דעם 41 יעהריגען אנדזשעי אור באניאק, פון פאביאניץ, וועלכער איז אויף די פעלדער לעבען דארף פראוודא (לאדזער פאוויאט) בעפאלען און מאנס געווען די 10-יעהריגע גענינא וועפסאל. א טאכטער פון אן איינוואוינער פון דארף פראוודא.

די טראגישע הילפלאזע געשרייען פונ׳ם קינד האבען אלארמירט די פויערים, וועלכע האבען געארבייט אין פעלד, אבער ביז זיי זענען אנגעלאפען דעם קינד צו הילף איז דער אויסוואורף נעלם געווארען און ערשט דורך דער פאליציי געפינען און ארעסטירט געווארען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) ל. פאוולאווסקי פיעטרקאווער 307; ס. האמבורג גלובנא 50; ב. גלוכאווסקי נארוטאוויטש 4; י. שיטקעוויטש קאפערניק 26; א. כארעמזא פאמארסקא 10.

מארגען מאנטאג דיזשורירען די אפטייקען: ב. עפשטיין פיעטרקאווער 225; מ. בארטאשעווסקי פיעטרקאווער 95; מ. ראזענבלום ציגעל-גאס 12; גארפיין ווסכאדניא 54; י. קאפראווסקי. באוואמיע-סקא 15.

זעלבסטמארד, אדער טראגישער צופאל

(2) אויף דער באהן-ליניע ביי דער לימא-נאווסקא גאס, האט מען עהערגעכטען געפונען א טויטען-קערפער פון א פרוי, וועלכע איז צושניטען געווארען פון א צוג.

צוליב דעם, וואס מען האט ביי איהר נישט געפינען קיין דאקומענטען, האט פאליציי נישט פעסטגעשטעלט ווער די אומגעקומענע איז, פאליציי פיהרט אויך אן אויספארשונג פעסטצושטעלען צו מען האט דא צו טון מיט א טראגישען צופאל אדער זע לבסטמארד.

אונטערשטיצונג פאר ארבייטסלאזע

(ס) דער מאגיסטראט פון לאדז מעלדעט אלע פעראינטערעסירטע, אז דינסטאג, דעם 10. ה. ח. הויבט זיך אן די רעגיסטראציע אויף דרינגענדע הילף פאר׳ן חודש מאי, 1930 פאר די ארבייטס-לאזע, וועלכע האבען בעקומען הונטער-אונטער-שטיצונג, פאר אפריל און אונטערשטיצונגס-אמט פאר ארבייטסלאזע, און וועלכע האבען אויסגע-שעפט דאס רעכט צו גע עצליכער אונטערשטיצונג פון ארבייטס-אמט פאר און אפריל פונ׳ם ל. י.

אויף מזנוה׳שער אונטערשטיצונג האבען דאס רעכט נאר ארבייטסלאזע, וועלכע האבען אויף אויס האלט א פאמיליע. אינזאמע און קינדערלאזע הא-בען נישט קיין רעכט אויף אונטערשטיצונג. אויב עמיצער פון דער משפחה פון ארבייטסלאזען, וואס וואוינט מיט איהם צוזאמען האט ארבייט, אדער בעקומט אונטערשטיצונג פערלירט דער ארבייטס-לאזער דאס רעכט צו אונטערשטיצונג.

די רעגיסטראציע וועט פארקומען אין אונ-טערשטיצונגס-אמט, גדאנסקא 151 פון 9 ביז 14 א זייגער, לויט פאלגענדען סדר:

דינסטאג, דעם 10 —

A B C D E F

מיטוואך, דעם 11 —

G H I J

דאנערשטאג, דעם 12 —

K L Ł

פרייטאג, דעם 13 —

M N O

שבת, דעם 14 —

P R S

מאנטאג, דעם 16 —

T U W Z Ź

די ארבייטסלאזע, וואס קוטען זיך רעגיסט-רירען מוזען האבען ביי זיך א פערזענליכען דאקו-מענט, אדער א. א. דערען דאקומענט, וועלכער זאל בעווייזען די אידענטישקייט; א לעגיטימאציע פון פ.או.פ.פ. (מלוכה׳שען ארבייט פערמיטלונגס-אמט), וועלכע בעשטעטיגען דעם פאקט פון בעקומען הונ-טער-אונטערשטיצונג פאר אפריל פון ארבייטסלא-זען פאנד און דעם פאקט פון מעלדען זיך צום קאנטראל אין דער אפטיילונג פון פ.או.פ.פ. אין חודש אפריל און מאי.

דאס פערזיכערונגס ביכעלע פון קראנקען-קאסע אין לאדז.

א״י אקאדעמיע אין פאביאניץ

היינט 8 אווענד קומט פאר אין פאביאניץ א ארץ-ישראל אקאדעמיע מיט דער בעטייליגונג פון ד״ר יהושע גאטליב פון ווארשא און ה׳ אשר קא-לאדני פון ארץ ישראל, וועלכע וועלען ארויסטרע-טען מיט רעדעס וועגען דער איצטיגע לאגע אין ציוניזם און אין ארץ-ישראל.

גלייכצייטיג הויבט זיך אן דארט מיט דער בעטייליגונג פון ה׳ קאלארני די היי-יעהריגע אק-ציע לטובת דעם „קרן היסוד".

א פאבריק-שרפה

(2) אויף וואולטשאנסקא 219 האט נעכטען אויסגעבראכען א שרפה אין דער שאפע ביי דער ארטיגער פאבריק.

די פייערלעשער האבען געהאט אנצווענדען אסך מיה צו לאקאליזירען דאס פייער, וואס עס איז זיי אויך געלונגען. עס איז בלויז פערברענט געווא-רען די שאפע.

פון „ו.י.ז.א."

דעם 8 און 9 יוני קומט פאר אין ווארשא די דרי-טע לאדעס קאנפערענץ פון „וויזא".

די לאדזער אפטיילונג פון „וויזא" האט דעלע-גירט קיין ווארשא די פרויען: רעזניק, ספעקטאר, ברודע, לאנגע, ניגאלדבערג, טארטאקאווער און שעוויאנסקא, דאלפערג, פאנטאר און גאלדבערג.

סימולירט א גנבה

אונטערן צייכען פון הערשענדען קריזיס

(2) נעכטען איז אין שטאטישען געריכט פאר-געקומען דער פראצעס געגען א׳הרן גרינשטיין, בעזיצער פון דער פאבריק אויף סענאטארסקא 25, וועלכער ווערט בעשולדיגט, אז ער האט מודיע גע-ווען אין 11. פא. יצ״י-קאמיסאריאט וועגען א פאל-שער גנבה, וואס ער אליין האט סימולירט.

מיט עטליכע יאהר צוריק האט דער בעשול-דיגטער גרינשטיין, וועלכער האט געוואוינט אויף אכמאנוא 32, גענומען אין פאכט דעם דערמאנג-טען פאבריק-בנין ביי א געוויסען קאלישסקי, סענא-טארסקא 25.

דעם 7. דעצעמבער פ. י. איז גרינשטיין אריינ-געפאלען אין 11. פאליציי-קאמיסאריאט און מודיע געווען, אז גנבים האבען אויפגעבראכען די טיר פון זיין פאבריק און ארויסגעגנב׳עט עטליכע מא-שינען און דער ווערט פון 10,000 זל.

די פאליציי׳אישע אויספארשונג האט אבער פעסטגעשטעלט, אז גרינשטיין סימולירט די גנבה, ווייל ער האט גרויסע חובות. ערוואר טענדיג דעם קאנקורס, האט ער פריהער געוואלט פערקויפען די מאשינען. צוליב דעם האט ער סימולירט די גנבה.

אין געריכט האט זיך דער בעשולדיגטער נישט מודה געווען. דאס געריכט האט איהם פער׳משפט אויף א חודש ארעסט.

צאל-אפערע מיט פוטער-ארטיקלען

דער צאל-אמט אין לאדז האט בעמערקט לעצטענס, אז עס קומען אן גרויסע טראנספארטען פוטער פון אויסלאנד. כאטש דער צאל-אמט האט נישט בעמערקט קיין שום מאכינאציעס ביים אפ-נעהמען די פוטער-טראנספארטען דאך האט ער מיטגעטיילט קיין ווארשא אין פינאנץ-מיניסטער-יום פון האנדעל אין אינדוסטרי, וועגען די טראנס-פארטען. האט מען אריינגעפיהרט א גענויע אויס-פארשונג און דעם עניין און ענטדעקט א גרויסע אפערע, וועלכע האט געבראכט פיל שאדען דעם פינאנץ-אמט. קיין לאדז איז געקומען דער פינאנץ ראטגעבער ה׳ רוטקאזסקי, וועלכער האט אויפ׳ן ארט א ורכגעפיהרט א לוסטראציע און פעסטגע-שטעלט, אז דריי בערייטענדע עקספעדיציע-פירמעס האבען צו עטליכע מאל אויסגענוצט א׳ן און די וועלכע ערלויבעניש אריינצופיהרען א טראנספארט פוטערס פון אויסלאנד. דעם דאזיגען פראצעדור האבען די פירמעס געפיהרט פונ׳ם יאהר 1926 אן. דער פינאנץ-אמט זאל האבען געהאט היזק פון די דאזיגע מאכינאציעס 7,000,000 זל.

די פרעמירטע בוי-הלואה

צוליב דעם, וואס עס האבען זיך געמאלדען א סך בעלנים אויף דער פרעמירטער בוי-הלוואה, וועלכע וועט װאהרשיינליך איבערשטייגען די סומע 50,000,000 זל., דערוויסען מיר זיך, אז די אבליגאציעס וועלען צוטיילט ווערען לויט דער רייה פון די אנמעלדונגען, און עס וועלען גענומען ווערען אין אכט אויך די קלענערע אנמעלדונגען.

דערמיט וויל מען געבען ווערען די מעגליכקייט די פרייזסנע פאזיקס-כאבען אנט צוצונעהמען אין דער הלוואה און בעקומען אבליגאציעס צו די נאמי-נאלע פרייזען.

איינשרייבונגען נעהמט מען אן פון מאנטאג, דעם 21-טען יוני.

היינט ווערט געעפענט א עוואנ-געליש שפיטאל

א דאנק דער איניציאטיוו פון דער עוואנגע-לישער פילאנטראפישע געזעלשאפט איז אין לאדז, אין משך פון א פערהעלטנישמעסיג קורצער צייט, ווייל אין דריי יאהר, איז פאר געזאמלט געעלד, אויפגעוואקסען א פראכטיגער שפיטאל-בנין אויף וואלטשאנסקא 195. דער דאזיגער 4-שטאקיגער שפיטאל-בנין מאכט סיי אינעווייניג, סיי אויסעג-ווייניג, א פראכטיגען איינדרוק. די ערשטע צוויי שטאק זענען בעשטימט פאר דריטען קלאס קראנ-קע, ענטהאלטען אבער א רייה צימערן פאר איינעם אדער צוויי קראנקע, וואס נויטיגען זיך אין פולער רוה. דער דריטער שטאק איז בעשטימט פאר 1. און 2. קלאס קראנקע און אויפ׳ן פירטען שטאק, זענען פערהאן 2 אפעראציע זאלען, וועלכע זענען פערזעהען מיט די נייעסטע טעכנישע איינריכטונגען.

דער שפיטאל איז אויסגערעכענט אויף 80—100 בעטלעך, פאר אינערליכע, כירורגישע, גינע-קאלאגישע און אנד. קראנקהייטען. דער הויפט-דאקטאר פון שפיטאל איז דער בעקאנטער כירורג, קאמאנט. איהם וועלען מיטהעלפען די דאקטוירים קיהנעל, שולץ און יוליוש לאנגע.

נייע פארשריפטען פאר׳ן גאסען-האנדעל

שטרענגע ריינקייט ביי׳ם פערקויפען פראדוקטען

(2) אין צוזאמענהאנג מיט די הערשענדע אנ-שטעקענדע קראנקהייטען, האט דער שטאט-סטא-ראסטא ארויסגעגעבען א נייע פעראדנונג וועגען גאסען-האנדעל מיט פראדוקטען.

לויט דער נייער פעראדנונג טאר מען נישט פערקויפען אין די גאסען קיין בייגעל, טשאסטעס, כאלות, געבעקס און צושניטענע אובס. סיידען די אלע פראדוקטען וועלען זיך געפינען אונטער א גלאז, אדער אן אנדערע בעדעקונג; לאדעם מעג מען פערקויפען, נאר אין ריינע כלים און דער פער-קויפער מוז האבען ריינע הענט; גריגס און מילכיגס מעג מען פערקויפען נאר אין ספעציעלע קויבערס׳ סאדע-וואסער מעג מען פערקויפען אויף געהעריג איינגעארדענטע שטעלען, וואס זענען פערזעהען מיט כלים אויסצוואשען די גלעזער.

פאר עבר זיין דראהט א שטראף ביז 1000 זל. די פעראדנונג איז שוין אריין אין קראפט.

אויפרייס פון א ספירט-מאשינקע

2 פרויען אפגעבריהט

[2] די פרוי אנטאנינא פטאשקעוויטש, ווינער-דר״סג, האט עפעס אפגעקאכט אויף דער ספירט-מאשינקע. פלוצלונג האט די מאשינקע אויפגעריסען און די פרוי איז ארומגעכאפט געווארען פון פלאמען, אויף איהרע געשריי׳ען איז אנגעלאפען איהר מאמע, וועלכער האט אב געווארפען ראטעווען זיין פרוי.

די אליסגערופענע פאגאטאוויע האט די אומ-גליקליכע פרוי אפגעפיהרט אין א שווער-ען-צושטאנד אין שפיטאל. לייכטע וואונדען האט אויך בעקומען דער מאן, בעת׳ן פערלעשען די פלאמען אויף זיין ברענענדער פרוי.

קלאוזועס
און
זאבעזפיעטשעניעם
ווערען ערלעדיגט
אין פערלויף פון 24 שעה.
ביטשריפטען-ביורא
„Polpraw"
נארוטאוויטשא 1 טעל. 17001

שכור'ער קריסט בעפאלעז זיין יוד. שכן
און וויל איהם שעכטען מיט א מעסער

(—) נעכטען אַרום 10 ווייגער האט זיך פון א קעלער־וואוינונג אויף צעגעלניאנא 10 געטראגען זעהר שטארקע קולות און געשרייען: „גוואלד יודען, מ'שעכט, ראטעוועט“! די פערבייגעהער, וועלכע זענען אראפ אין קעלער האבען פאר זיך דערזעהען אזא בילד: אין א קליין שטיבעל, וואו ס'איז אנגעשטעלט פערשידענע מעבעל לויפען ארום א פערצווייפעלטע פרוי מיט צוויי קינדערלעך און שרייען מיט בענומענע קולות, אויף דער פארלאגע ליגט א פער'חלש'טער מאנספערשוין.

נאך א גענויע חקירה ודרישה האט זיך ארויסגעוויזען פאלגענדעס: דער איינוואוינער פון דער קעלער־שטוב הייסט וואלבערג, א'ארומער גאסען־הענדלער, מיט איהם אין שכנות וואוינט א קריסט, א'ארבייטער ביי עפענטליכע ארבייט, זאווארזקי. דער קריסטליכער שכן טרינקט זיך אפט אן און נאכ'ן אפ'מקל'ען זיין בנו־ביית, מאכט ער אפטע צוזאמענטרעפען מיט דעם יודישען שכן.

נעכטען איז זאווארזקי, ווי דער שטייגער איז אהיימגעקומען שיכור און נאך צעווערטלען זיך מיט וואלבערג'ען איז ער איהם בעפאלען, אנגעהויבען שלאגען און לסוף געכאפט א קיכען־מעסער און דערקלערט, אז היינט מוז קומען א סוף מיט די ישיבות. ער וועט זיי אלע אויסשעכטען. דער ארימער גאסען־הענדלער, וועלכער האט דאס דערהערט איז פאר שרעק געפאלען אין חלשות. דאס איבעריגע בני־בית האט אויפגעהויבען א יללה און דאס האט זיי אפגעראטעוועט פון א בלוטיגען אנפאל.

אינטערעסאנט איז, אז די פרוי פון זאווארזקי, וועלכער ראטעוועט זיך אפט פון מאנס קלעפ ביי דעם יודישען שכן האט זיך ארומגעדרעהט און צוזאמען געשריגען מיט אלע שטוביגע און געהאלפען ראטעווען דעם פער'חלש'טען וואלבערג. א פערבייגעהענדער פאליציאנט האט זאווארזקין אפגעפיהרט אין קאמיסאריאט.

דער וועג פון רעליגיעזען סאציאליזם

אויף די טעמא קומט פאר היינט, אין זאל קליינער פילהארמאניע פיאטראווסקא דריי א גרויסע מיטינג א"גאראנדזשט דורך די רעליגיעזע ציוניסטיש סאציאליסטישע פארטיי אין לאדז עס וועלען רעפערירען די ה"ה פנחס וואסערמאן (ווארשא) פארזיצענדער פון די עקזעקוטיווע אין פוילען שלמה האלבערשטאדט (ווארשא) גענעראל סעקרעטאר פון דת ועבודה אין פוילען ד"ר יוסף טויבער יואל דוד קאמעקע און שמעון ווייסבוים ווארשא.

אויסשטעלונג פון ראמעי ראזענטאל אין ווילנע

אין ווילנע, איז נעכטען געעפענט געווארען די בילדער - אויסשטעלונג פון אונזער בן עיר, דעם בעקאנטען קונסטמאלער, געוו. רעזשיסער פון טעאטער „ארט“ ראמאן ראזענטאל. די ווילנער פרעסע האט זעהר ווארים אויפגענומען די אויסשטעלונג פונ'ם לאדזער קינסטלער.

פראטעסט-אקציע געגען דער קאלענדאר-רעפארם

די אקציע געדט צו אין א שנעלען טעמפא, לויט די בעשלוסען פון דער קאמיסיע, וואס איז אויסגעוועהלט געווארען דורך דער פערוואלטונג, דארף זי זיך פערענדיגען דעם 20 -טען יוני.

בוז'אינצא איז אדורכגעפיהרט געווארען קאמפלעט די אקציע אין די היגע שוהלען, שטיבלעך און חברות, ערב־יום־טוב זענען פונאנדערגעשיקט געווארען אין די דאזיגע ערטער אויפרופען. מיט די גרעסטע שוהלען און מיט די מורי־הוראות איז אייגעשטעלט געווארען א ענגער קאנטאקט. ביידע טעג שבועות אין אומעטום בשעת'ן דאווענען אויפגעקלערט געווארען די בעד'טונג פון דער רעפארם און די סכנה, וואס דראהט דערמיט דעם שבת.

אסרו־חג זענען פונאנדערגעטיילט געווארען די נויטיגע בויגען-ראכען מיט ספעציעלע פראטעסט-בויגענס, און עס ווערט ענערגיש געזאמעלט חתימות צווישען די מתפללים.

זייט פרייטאג זענען טעטיג זאמלונגס - דזשורען אין פיל פונקטען פון שטאט, קודם - כל אין אלע וואוילשטען - געשעפטען, אין די גרויסע רעסטאראנען און אין די מעהר - בעדייטענדע פריוואט-אונטערנעהמונגען.

אין דער קהלה דזשורירען יעדען טאג אין די פארמיטאג - שעהן קהלה - מיטגלידער.

כדי די אקציע זאל אננעהמען א ברייטען געזעלשאפטליכען כאראקטער און פערנעהם, כיאות פאר אזא אלגעמיין - יודישע פראבלעם, קומט היינט 6 אוונט פאר אין דער קהלה א געמיינזאמע בעראטונג מיט אלע היגע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. עס זאלען אנטיילנעמען ווערען א רייהע וויכטיגע בעשלוסען, וואס וועלען האבען א דעצידירענדע השפעה אויפ'ן ווייטערדיגען גאנג פון דער אקציע.

די גאסטראלען פון דער רוסישער דראמאטישער טרופע

זייט עטליכע טעג גאסטראלירט אין לאדז, אין שטאטישען טעאטער די היגער רוסישע דראמאטישע טרופע. די היגער ארטיסטען האבען דערוייל אויפגעפיהרט טורגעניעווס „ארעל - נעסט“ און פאלגאקאווס „זאיקא'ס קווארטיר“, א פיעסע פון לעבען אין סאוויעט - רוסלאנד“, און ביידע אווענטען האט די רוסישע טרופע בעוויזען א טעאטער־שפילען פון גאר א הויכער קינסטלערישער מדרגה און די אויפפיהרונגען זענען אדורך מיט א גרויסען ערפאלג.

היינט נאכמיטאג ווערט געשפילט די בעקאנטע פיעסע פון דילמא „די קאמעליע - דאמע“, און אבענדס „דער מענש מיט'ן פארטפעל“ פון גאיקא.

פראגראם פון לאדזער ראדיא-סטאנציע

זונטאג דעם 8 יוני 1930. 10,10 גאטעס־דינסט פון פויזנער קאטעדרע. 11.30: פייערליכע אפדעקונג פון מאניושקי דענקמאל, קאמוניקאט, צייט-סיגנאל (פון ווארשא) 15.20 מוזיק (פון ווארשא), 16,00 וועגען די גרינגע חגאות, קאזשימיעזש זאוויסטאווסקי. 17,00 טראנסמיסיע פון פאפולערען קאנצערט פון קאטאוויץ. 17,05 וועגען געזעלשאפטליכען לעבען צוריק מיט 100 יאהר. פראפ. הענריק מאשטשיצקי. 17,30 רעפערוענטאנץ קאנצערט פון פאליציי־ארקעסטער. 18,50 לאדזער נייעס. 19,15 גראמאפאן פליטען (פון ווארשא) 19,40 נוצליכע און אנגענעהמע נייעס (פון ווארשא. 20,00 טראנסמיסיע פון קאטאוויצער אפערע 22,15 קאמוניקאטען 23,00 טאנץ-מוזיק.

נייער פאהר=פלאן
פון 15=טען מאי 1930

פאבריקס=וואקזאל

פאהרט אפ:

1.50	פאס.־צוג קיין קאלושקי, פערב. קיין ווארשא
3.55	" " " "
5.40	" " " "
7.50	דירעקטער שנעל־צוג קיין ווארשא
8,25	פאס.־צוג קיין קאלושקי. קורסירט זונטאג און אין די חגאות.
10.05	פאסאזשיר־צוג קיין סקארזשיסק
12.10	פאס.־צוג קאלושקי, פערבינדונג קיין ווארשא
14.15	" " " "
15.05	פאס־צוג קאלושקי פערב. קיין פראג, וויען, מארינבאד, קארלסבאד און רוים
15,55	פאס.־צוג קיין קראקא דירעקט (וועלכע פערבינדונג וואס צוג 15.05).
16.20	פאסאזשיר־צוג קיין סקארזשיסק
16.45	פאס.־צוג קיין קאלושקי פערב. קיין ווארשא
17.35	פאס.־צוג קיין קאלושקי
18.15	פאס.־צוג קיין קאלושקי פערב. קיין ווארשא
19.00	פאסאזשיר־צוג קיין ווארשא (דירעקט)
19.30	פאס.־צוג קיין קאלושקי (ביז'ן 30 אקטאבער)
20.35	פאס.־צוג קיין קאלושקי (פערבינדונג ווארשא, וויען פראג)
21.35	פאס.־צוג קיין קאלושקי (ביז'ן 30 אקט.) פערב. קיין זאקאפאנע, קריניץ, ראבקא, רידזיני, אינאַוויטש.
23,30	פאסאזשיר־צוג קיין קאלושקי (פערבינדונג קיין ווארשא און בודאפעשט)

קומט אן:

1.30	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (ווארשא).
4.00	פאס.־צוג פון קאלושקי (ווארשא, קראקא, קאטאוויץ)
5.47	פאס.־צוג פון קאלושקי (קראקא־ווארשא)
6.52	פאסאזשיר־צוג פון קאטאוויץ
7.21	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי
7.40	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (ספעציעלער)
8.37	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (קראקא)
8.53	פאסאזשיר־צוג פון אנדזשעוו (ספעצ.)
9.50	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (טשענסטאכאו)
10.55	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי
12,50	פאסאזשיר־צוג פון סקארזשיסק
13.55	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי
14.45	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (קאטאוויץ)
16.25	פאסאזשיר־צוג פון ווארשא
18.00	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי
19.40	פאסאזשיר־צוג פון סקארזשיסק
20.06	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (קראקא)
21.17	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (ספעציעלער)
21.48	פאסאזשיר־צוג פון אנדזשעוו (ספעצ.)
22.22	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (ספעציעלער)
22.57	פאסאזשיר־צוג פון קאלושקי (טשענסטאכ.)
23.56	פאסאזשיר־צוג פון ווארשא (שנעל־צוג)

קאלישער וואקזאל

פאהרט אפ:

0.35	קיין פויזען דורך קוטנא
2.09	קיין לעשנא און קראטאשין
3.05	קיין ווארשא
7.17	קיין ווארשא
7.24	קיין פויזען
7.37	קיין ווארשא (שנעל־צוג)
8.55	קיין קאלושקי (מיט פערב. קיין ווארשא)
9.25	קיין פויזען דורך קוטנא, פערב. קיין דאנציג, גדיניע און טשעכאטשינעק
10.04	קיין פויזען (ספעציעלער)
12.05	קיין טארן מיט פערבינדונג קיין בערלין, פאריז, גאלאץ, אסטענדע, לאנדאן
13.10	קיין ווארשא (שנעל־צוג)
13.23	קיין פויזען
13.46	קיין ווארשא
15.05	קיין קוטנא—פלאצק (אין קוטנא פערבינדונג קיין טשעכאטשינעק)
15.25	קיין אסטראווא מיט פערבינדונג קיין פויזען
15.30	קיין זעלקאוויץ
19.25	קיין אסטראווא
19.55	קיין לאזיטש
20.13	קיין לעמבערג (מיט א שלאף־וואגאן 3. קל.
21.20	קיין דאנציג און גדיניע (דירעקט)
21.28	קיין פויזען
22.03	קיין פויזען (שנעל־צוג פערב. קיין בערלין
22.25	קיין קראקא און קאטאוויץ

קומט אן:

1.55	פון ווארשא
2.49	פון אסטראווא
4.58	פון קוטנא—פלאצק
7.01	פון פויזען
7.09	פון קראקא
7.10	פון לאזיטש
7.28	פון פויזען
8.08	פון קוטנא—פלאצק
8.45	פון אסטראווא
9.15	פון לעמבערג (מיט שלאף־וואגאן 3. קל.)
9.15	פון ווארשא (שנעל־צוג)
13.08	פון ווארשא
13.32	פון פויזען
13.40	פון קוטנא—פלאצק
18.27	פון פויזען
18.56	פון קאלושקי
19.09	פון לאזיטש
19.53	פון קוטנא—פלאצק
19.40	פון פויזען (שנעל־צוג)
21.12	פון ווארשא
21.55	פון ווארשא (שנעל־צוג).
22.14	פון קוטנא—פלאצק
23.15	פון אסטראווא

אלע יודען

וועלען וויסען, אז קלאוזעטען, זאבעוּפּיע־טשענעס ווערען ערלעדיגט פינקטליך און רעיעל אין רעכטקאנסולענט-ביורא

„Vesta“

43 ציגעל=גאס 43

ווענעריש-כירורגישע קליניק „SANATO“

אגראדאווא 10, טעל. 213=57

1-טע און 2-טע קלאס ערצטליכע אויפזיכט איבער דער מוטער און קינד.

פרייזען פון געבורט

אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אכטונג!! ה"ה פריזיערס!

פריזיר-וואסערן

45 ש. ערקע פ' „וואלדער“ 3.80 א קילא

ראזיר-זייף „Pixin“ 8 זל. „

„ „ 5 „Oro“ „ „

ווי אויך זעמטליכע גומענע און שטאהל-ווארען צו שטרענג פאבריקס-פרייזען. הורטאוויניקעס בעק. ספעציעלען ראבאט.

PERFUMERJA

J. DRUKIER

ZAWADZKA 5, TEL. 175-92

LEKARZ DENTYSTA

ש. ליבערמאן

ציין=כירורג

11 ליסטאפאד (קאנסטאנטינער) 46, טעל. 172-06

נעמט אן פון 1—7 אוונט

צו לעטשניצע - פרייזען.

Dr. med. Daniel Wajskopf

אינערליכע קראנקהייטען. ספעציאל - ארצט פאר מאגען, לעבער און קישקע-קראנקהייטען.

רענטגען

Piotrkowska 104 B, tel. 114-82

נעמט אן פון 4 — 7, זונטאג פון 10 — 12 מיטאג.

Dr. Różaner

הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע

Dzielna (Narutowicza) 9 tel. 128-98

נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—8 אוונט

ספ. ווארטע-זאל פאר פרויען.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים=ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר ווענערישע הויט=קראנקה, און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען. קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.

—— טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונט. ——

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען

זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

Dr. med. I. WAJNBERG

Cegielniana 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען.

ספעציאל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען, דורכלייכטונגען און קינסטליכע בערג-זון.

נעמט אן אין דערהיים פון 3—5 נאכמ.

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אויגען, נאז, האלז- און לונגען-קראנק.

9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.

קאנסולטאציעס פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן [illegible] 4—2 [illegible] 11—10 [illegible] 17

בילליג

צו פערקויפען אנ'עלעגאנט שלאפצימער, עסצימער און אנדערע זאכען גדאנסקא 38 וו. 3 עלעקטרישער גלאק. צו טרעפען אין די שעהן פון 2—5 נאכמיטאג.

א נייער אויסלענדישער לוקסוס-פאטעפאן

צו פערקויפען פאר א שפאט ביליגען פרייז צו-ליב אפרייזע וואלטשאנסקא 16 וו. 9 פארטער.

וואוינונגען

צו פערמיטען אייגצעלנע שטיבען מיט 1 און מיט 2 פענסטער און אויך 2 הויכע גרויסע קעלער שטיבען מיט עלעקטרי אויף פראנצישקאנער גאס צו ערפאהרען אויף אלעקסאנדריסקא (מרדכי גבאים גאס 9 ביי א. צוקערמאן.

א פאמאצניק נייהער

שנעלע האנד ווערט גע-זוכט צו א קאמאשען-שטעפער. צו ערפארען אין אדמינ.

א האנד-נייהער

אדער א האנד-נייהערין צו ערשטע סארט מענער-מא-גאזין ווערט געזוכט דזעלו-באווסקא 26 פ. זילבער-גלייט.

א בעקוועם צימער

צום שלאפען פאר איינציגע יונגעלייט ערפאהרען קאמיענא 18 וו. 39 [illegible]

א קוואליפיצירטער ריכטעווער

ווי אויך א בוימער געהילף קען זיך פון זאפארט מעלדען ביי ניסענבאוויטש שקאלנא 7 [illegible]

Dr. med. J. Lubicz

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער

אייגענע פראצאווניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: קלאמערן אויף פלאטפוסען, קונסטליכע [illegible] נעמט אן פון 2.30 ביז 4.30 [illegible]

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.
די פרייזען זענען בעדייטענד
פערקלענערט געווארען.
אנהויב אין נעוו. טעג 4 נמ. שבת, זונטאג
2 בייטאג, לעצטער סעאנס 10 אווענד
אויפ'ן 1-טען סעאנס זענען די פרייזען
פון אלע פלעצער צו 60 גר.

קינא אין גארטען!
—: היינט און פאלגענדע טעג!
דאס איז א רעוואלאציע פון הומאר און וויץ... פאסצינירענדע
קאמבינאציע פון די קאמ שטעט סיטואציעס.
בעקאנטער אינהאלט און פרעכטיג שפילען אין דער הויפט-ראלע:
נעקסטער פראגראם: „זינדיגער" פילם פון דער היימי-שער פראדוקציע מיט

„קאוואלירען-בונט"
ZYGFRYD ARNO
Jerzy Marr, Greta Graal-Podwalska

HELENÓW — אכטונג! דעם 15-טען יוני 1930 אכטונג! — **HELENÓW**
גרויסע גארטען-פערוויילונג
לטובת די לאדזער פרייוויליגע פייערלעשער
מיט א גרויסען פערשידענארטיגען פראגראם.
א סך אטראקציעס! ■ אילומינאציע פון פארק! ■ גליקס קערבער! ■ אין אווענד פייערלעשער-דעמאנסטרירונג ביי בענגאליש פייער איבער'ן וואסער,
אויפ'ן ספארט-פלאץ, ספארט-מעטשען, ארגאניזירט דורכ'ן ספארט-קלוב „Union". קאנצערט פון 3 א-קעסטער'ן. אנהייב 2 א זייגער נ.כמ. איינגאנג אין גארטען און אויפ'ן ספארט-פלאץ 1 זל.
שילער און מיליטער-לייט 50 גר. אכטונג! פאלס פון אומגינסטיגען וועטער קומט די פערוויילונג פאר דעם 22 יוני.
די פערוואלטונג און קאמאנדא פון די לאדזער פריוו.-פייערלעשער.

קראנקע פאר רופטורען און פערשידענע פערקריפלונגען

רופטורען, ווי אויך פערקריפלונגען פאר מען נישט אפערירט, ווייל די פאלגען פון'ן מענשליכען לעבען זענען זעהר געפעהרליך. די ריפטור ווערט גרעסער, ווי א מענשליכער קאפ און קען פראוואזירען א טויט-געפעהרליכע פערשלאגונג פון די קישקעס. ספעציעלע ארטאפעדישע גומענע הייל-באנדאזשען פון מיין מעטאדע בעזייטיגען ראדיקאל די געפעהרליכע און פערעלטערטע רופטורען ביי מענער, פרויען און קינדער.
אויף דער פערטרימונג פון קרייץ-ביין, געגען דעם שאדען פון הויכער ארטאפעדישע הייל-גארטעלען. פאר פערקרימטע פיס און שטארצענדע פלאטפוס ארטאפעדישע איינלאגען. קינסטליכע הענט און פיס. גומענע שטרימף אויף פערגרעסערטע אדערן. עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.
ארטאפעדישע אנשטאלט
spec. J. RAPAPORT Ortoped ze Lwowa
Łódź, WÓLCZAŃSKA 29, front II p.
בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג.

דאנקזאגונג.
דעם ווערטהען ה' ד"ר. י. ראפאפארט, ספעצ. פאר ברוך-ליידענדע אין לאדז, וואלטשאנסקא 29 פראנט II שטאק, פאר דער גיכער אונטערסטיצונג, וועלכע האט מיך דערשטעלט מיך צו דעם ראש השנה פון דעם שווערן און פאר מיין לעבען געפעהרליכען ברוך, פאר דעם היסענשאפטליכען אנלע.ען פון דעם באנדאזש פון זיין מעטאדע. דאנק איך אויף דעם וועג הערצליך און עמפעהל אים דערווייל פאר אלע ברוך-ליידענדע.
יוסף פייג

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE
JóZEFA ABA
w Łodzi, Zielona 10, tel. 122-12.
איינשרייבונגען פון קאנדידאטקעס נעהמט אן דער סעקרעטאריאט פון גימנאזיום פון 10 ביז 1 בייטאג.
Dyrektor (–) J. AB. 68

דער אמת'ער וועג
צוריקצושטעלען געזונדע נערווען

קראנקע, אויסגעשעפטע נערווען מאכען דאס לעבען ביטער, פערורזאכען א סך ליידען, ו.צ.ב. שטעכענדע וועהטאגען, קאפ-פעררעהענישען, מורא-געפיהל, גערויש אין די אויערן, אויפברויזונגען און פערדייאונג, שלאפלאזיגקייט, אונלוסט צו דער ארבייט, ווי אויך אנד. אומאנגענעהמע ערשיינונגען מען נישט לאנג-ארויסגעצויגענע בעלעהרענדע ברשורקע וועט איך אנווייזען דעם ריכטיגען וועג פטור צו ווערען פון די אלע אומאנגענעהמליכקייטען, און דער דאזיגער ברשורקע וועט אנווייזען די סיבה, זייער ענטשטעהונג און די היילונג פון די נערווען-ליידען אויפ'ן גרונד פון לאנגיעהריגע ערפאהרונגען. איך שיק ארויס די געזונדהייטס-עהנבעלע
גענצליך אומזיסט
אלעמען, וועלכע ווענדען זיך ברידליך לויט דער אונטען אנגעגעבענער אדרעס. מוזענדער דאנקזאגונגען בעשטעטיגען דעם אויסגעצייכענטען ווירקזאמען אופן, וואס איז בעארבייט אויפ'ן גרונד פון בעלעהרענדע פארשונגען צום וואויל פון דער לייידענדער מענשהייט. די אלע, וועלכע געהערען צו דער אומגעהייליגער רייהע פון נערווען-קראנקע און לייידען אויף די חולאת'ן, זאלען תיכף פערלאנגען מיין בערוהיגענדע ברשורקע
זאל זיך יעדער איינציגער איבערצייגען,
או איך ווארע קיינעם נישט צו עפעס בנשט רעכטיגעס, ווייל איך שיק ארויס אין משך פון די נאהענטסטע טעג
גענצליך אומזיסט
די בעלעהרענדע ברשורקע יעדען, וועד עס שרייבט נאר צו מיר. עס גענוגט א קארטעל.
Ernst Pasternack, Berlin, S. O. Michaelkirchplatz 13. Oddział 343.

Dr. Med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע.
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8–11 פארמ. און פון 5–9 אווענד
זינטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med. G. Gersztajn
ספעציאל-ארצט
אויגען קראנקהייטען
Traugutta 12
(טראוגוטא 12)
Telefon 175-10
נעמט אן פון 11 ביז 1 נאכמ און פון 7 ביז 8 אווענד

Dr. med. W. Eychner
גינעקאלאג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 134–72
נעמט אן אינדערהיים פון 2-3 פ. מ. פון 7-9 נ. מ.
אין קליניק „סאנאטא"
אגראדאווא 10 פון 12–1

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych
przeprowadził się na ul.
Piotrkowskiej 70
róg Traugutta).
Przyjmuje od 8[30] do 10[30] rano, od 1-ej do 2[30] pp., od 6 do 8[30] wiecz. w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

Dr. ADAM GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78
הויט און וועגערישע קראנקע
יקבנגען און ליבעתילאיגמס
נעמט אן פון 4—7 אין אווענד

גראנד-פענסיאנאט
אין פאדעמביצע (ביי טושין)
עמפפעהלט זיך אויפ'ן זומער-סעזאן.

וויכטיג פאר לעטניקעס!!
די ערשטע לאדזער גוט בעקאנטע
פאבריק פון פאטענטירטע פעלד-בעטען
מאכט בעקאנט, אז צוליב'ן קריזיס האבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזער אויסארבייטונגען ווי: פעלד-בעטען 14 זל., פעלד-בעטען מיט ווענטלעך 18 זל., לעזשאקעס פון 8 זל. אן, טאבארעטקעס 3 זל., האמאקעס פון 9 זל.
אונזערע פעלד-בעטען זענען פערזעהן מיט דער שוץ-מארקע „Palma-Patent",
פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף פיל יאהרען.
אכטונג: פאדערט איבעראל פעלד-בעטען נור מיט דער מארקע „Palma - Patent"



„PALMA-PATENT" מיט אכטונג פירמע
אינה. **שווארצאווסקי**
פולנאצנא 24, טעל. 131-85
בעמערקונג: פאר פראווינץ — בעדייטענדע ראבאטען.

הולך בתום ילך בטח,
ומעקש דרכיו יודע
גויל אלו רקיעי, קני כל חורש — תא:
דיו אלו ימי וכל מי בנישו — תא:
דירי ארעא ספרי ורשמי רשו — תא:
קענען נישט איבערגעבען דאס רעקלאם פון דער אלט-בעוואוסטער
רעכטסקאנסולענטען-ביורא פון ה' מאנעלא, פיעטריקאווער 17
(זאבאדניא 52) טעל. 148-79
וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, בעהיי-סענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס:
ציווילנע, קארנע, האנדלאווע, אפע-לאציעס, אדוואלאניעס, סלאווזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעדט אין פוילען, וועגען דירות און אורופאגד רעזיעממסי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. מיט אכטונג **ד. מאנעלא,**
פעטריקאווער 17.

44 וויכטיג פאר לאדז און אומגעגענד! 44
זאל יעדער וויסען, אז **מעבעל**
שעהן, גוט און ביליג בעקומט מען נור ביי דער פירמע
Ch. ŁAZNIK
GDAŃSKA (Długa) 44, tel. 162-56
44 בעם.: איך קויף אויך און פערקויף פערט. געניצטע מעבעל, דיוואנעס א. ז. וו. קומט און איבערצייגט אייך! **44**

o podobnem brzmieniu.
wystrzegać się naśladownictw

מעבעל פון א שפייז-צימער, ווי א קרעדענס, א טיש, 6 שטיל און א קאנאפקע געלעגענהייטלעך ביליג צו פערקויפען. נארוטאוויטשא 42, וו. 12 ביז 11 פריה און פון 5–2.

צאהן-ארצט
St. Gelberg
וואוינט יעצט
Zawadzka 14, tel. 108-33

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6–3 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ „ „ 60— „ „ „ „ 4 „
נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ „ „ 18— „ „ „ „ 8 „
אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.